# יְהוֹשֻׁעַ

וַיְהִי אַחֲרֵי מוֹת מֹשֶׁה עֶבֶד יְהוָה וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ א
בִּן־נוּן מְשָׁרֵת מֹשֶׁה לֵאמֹר׃ מֹשֶׁה עַבְדִּי מֵת וְעַתָּה קוּם ב
עֲבֹר אֶת־הַיַּרְדֵּן הַזֶּה אַתָּה וְכָל־הָעָם הַזֶּה אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר
אָנֹכִי נֹתֵן לָהֶם לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל׃ כָּל־מָקוֹם אֲשֶׁר תִּדְרֹךְ ג
כַּף־רַגְלְכֶם בּוֹ לָכֶם נְתַתִּיו כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתִּי אֶל־מֹשֶׁה׃
מֵהַמִּדְבָּר וְהַלְּבָנוֹן הַזֶּה וְעַד־הַנָּהָר הַגָּדוֹל נְהַר־פְּרָת כֹּל ד
אֶרֶץ הַחִתִּים וְעַד־הַיָּם הַגָּדוֹל מְבוֹא הַשָּׁמֶשׁ יִהְיֶה גְּבוּלְכֶם׃
לֹא־יִתְיַצֵּב אִישׁ לְפָנֶיךָ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ כַּאֲשֶׁר הָיִיתִי עִם־ ה
מֹשֶׁה אֶהְיֶה עִמָּךְ לֹא אַרְפְּךָ וְלֹא אֶעֶזְבֶךָּ׃ חֲזַק וֶאֱמָץ ו
כִּי אַתָּה תַּנְחִיל אֶת־הָעָם הַזֶּה אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־נִשְׁבַּעְתִּי
לַאֲבוֹתָם לָתֵת לָהֶם׃ רַק חֲזַק וֶאֱמַץ מְאֹד לִשְׁמֹר לַעֲשׂוֹת ז
כְּכָל־הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוְּךָ מֹשֶׁה עַבְדִּי אַל־תָּסוּר מִמֶּנּוּ יָמִין
וּשְׂמֹאול לְמַעַן תַּשְׂכִּיל בְּכֹל אֲשֶׁר תֵּלֵךְ׃ לֹא־יָמוּשׁ סֵפֶר ח
הַתּוֹרָה הַזֶּה מִפִּיךָ וְהָגִיתָ בּוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה לְמַעַן תִּשְׁמֹר
לַעֲשׂוֹת כְּכָל־הַכָּתוּב בּוֹ כִּי־אָז תַּצְלִיחַ אֶת־דְּרָכֶךָ וְאָז
תַּשְׂכִּיל׃ הֲלוֹא צִוִּיתִיךָ חֲזַק וֶאֱמָץ אַל־תַּעֲרֹץ וְאַל־תֵּחָת כִּי ט
עִמְּךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בְּכֹל אֲשֶׁר תֵּלֵךְ׃ וַיְצַו יְהוֹשֻׁעַ אֶת־ י
שֹׁטְרֵי הָעָם לֵאמֹר׃ עִבְרוּ בְּקֶרֶב הַמַּחֲנֶה וְצַוּוּ אֶת־הָעָם יא
לֵאמֹר הָכִינוּ לָכֶם צֵידָה כִּי בְּעוֹד שְׁלֹשֶׁת יָמִים אַתֶּם עֹבְרִים
אֶת־הַיַּרְדֵּן הַזֶּה לָבוֹא לָרֶשֶׁת אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר יְהוָה

*הפטרת שמחת תורה   ז' סבירין ממנה   מלא ו'   ט' קמץ בז"ק

**א** 1 און עס איז געווען נאָך דעם טויט פון משה דעם קנעכט פון גאָט, האָט גאָט געזאָגט צו יהושע דעם זון פון נון, דעם באַדינער פון משהן, אַזוי צו זאָגן: 2 משה מיין קנעכט איז געשטאָרבן; און אַצונד שטיי אויף, און גיי אַריבער דעמדאָזיקן ירדן, דו און דאָסדאָזיקע גאַנצע פאָלק, צו דעם לאַנד וואָס איך גיב זיי—די קינדער פון ישראל. 3 יעטוועדער אָרט וואָס אייער פוססטריט וועט דערויף טרעטן, האָב איך אייך אים געגעבן, אַזוי ווי איך האָב גערעדט צו משהן. 4 פון דעם מדבר, און דעם־דאָזיקן לבנון, און ביזן גרויסן טייך, דעם טייך פרת, דאָס גאַנצע לאַנד פון די חתים, און ביזן ים־הגדול, צו זונאונטער־גאַנג, וועט זיין אייער געמאַרק. 5 קיינער וועט ניט באַ־שטיין פאַר דיר אַלע טעג פון דיין לעבן; אַזוי ווי איך בין געווען מיט משהן, וועל איך זיין מיט דיר; איך וועל דיך ניט אָפּלאָזן און דיך ניט פאַרלאָזן. 6 זיי שטאַרק און פעסט, וואָרום דו וועסט דאָסדאָזיקע פאָלק מאַכן אַרבן דאָס לאַנד וואָס איך האָב געשוואָרן זייערע עלטערן זיי צו געבן. 7 נאָר זיי זייער שטאַרק און פעסט צו היטן צו טאָן אַזוי ווי דידאָזיקע גאַנצע תורה וואָס משה מיין קנעכט האָט דיר באַפוילן; זאָלסט דערפון ניט אָפּקערן רעכטס אָדער לינקס, כדי זאָלסט באַגליקן אומעטום אַוו דו וועסט גיין. 8 דאָסדאָזיקע בוך פון דער תורה זאָל זיך ניט אָפּטאָן פון דיין מויל, און זאָלסט טראַכטן דערפון טאָג און נאַכט, כדי זאָלסט היטן צו טאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס שטייט גע־שריבן דערין; וואָרום דענסמאָל וועסטו מצליח זיין אין דיינע וועגן, און דענסמאָל וועסטו באַגליקן. 9 פאַרוואָר, איך זאָג דיר אָן: זיי שטאַרק און פעסט, זאָלסט ניט פאַרכטן און ניט אַנגסטן, וואָרום יהוה דיין גאָט איז מיט דיר אומעטום אַוו דו וועסט גיין.

10 האָט יהושע באַפוילן די אויפזעער פון פאָלק, אַזוי צו זאָגן: 11 גייט דורך אין לאַגער, און באַפעלט דעם פאָלק, אַזוי צו זאָגן: גרייט אייך אָן צערונג, וואָרום אין דריי טעג אַרום גייט איר אַריבער דעמדאָזיקן ירדן, צו קומען אַרבן דאָס לאַנד וואָס יהוה אייער גאָט גיט אייך, עס צו אַרבן.

[12] און צו די ראובֵנים, און צו די גָדים, און צום האַלבן שבט מנשה, האָט יהושע געזאָגט, אַזוי צו זאָגן: [13] געדענקט די זאַך וואָס משה דער קנעכט פון גאָט האָט אײַך באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: יהוה אײַער גאָט באַרוט אײַך, און וועט אײַך געבן דאָסדאָזיקע לאַנד. [14] זאָלן אײַערע ווײַבער, אײַערע קליינע קינדער, און אײַערע פי, בלײַבן אין דעם לאַנד וואָס משה האָט אײַך געגעבן אויף דער זײַט יַרדן, און איר, אַלע העלדישע גיבורים, זאָלט אַריבערגיין באַוואָפנטע פאַרויס פאַר אײַערע ברידער, און זיי העלפן. [15] ביז וואַנען גאָט וועט באַרוען אײַערע ברידער אַזוי ווי אײַך, און אויך זיי וועלן אַרבן דאָס לאַנד וואָס יהוה אײַער גאָט גיט זיי. דענסמאָל וועט איר זיך אומקערן צו דעם לאַנד פון אײַער אַרבונג, און וועט עס אַרבן—וואָס משה דער קנעכט פון גאָט האָט אײַך געגעבן אויף דער זײַט יַרדן, צו זונאויפגאַנג.

[16] האָבן זיי געענטפערט יהושוען, אַזוי צו זאָגן: אַלץ וואָס דו האָסט אונדז באַפוילן, וועלן מיר טאָן, און אומעטום אַווו דו וועסט אונדז שיקן, וועלן מיר גיין. [17] גענוי ווי מיר האָבן צוגעהערט צו משהן, אַזוי וועלן מיר צוהערן צו דיר; זאָל נאָר יהוה דײַן גאָט זײַן מיט דיר, אַזוי ווי ער איז געווען מיט משהן. [18] איטלעכער מאַן וואָס וועט ווידערשפעניקן דײַן מויל, און וועט ניט צוהערן דײַנע ווערטער, לויט אַלץ וואָס דו וועסט אים באַפעלן, זאָל געטייט ווערן; נאָר זײַ שטאַרק און פעסט.

יב אֱלֹהֵיכֶם נֹתֵן לָכֶם לְרִשְׁתָּהּ׃ וְלָרְאוּבֵנִי וְלַגָּדִי וְלַחֲצִי
יג שֵׁבֶט הַמְנַשֶּׁה אָמַר יְהוֹשֻׁעַ לֵאמֹר׃ זָכוֹר אֶת־הַדָּבָר אֲשֶׁר
צִוָּה אֶתְכֶם מֹשֶׁה עֶבֶד־יְהוָה לֵאמֹר יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם מֵנִיחַ
יד לָכֶם וְנָתַן לָכֶם אֶת־הָאָרֶץ הַזֹּאת׃ נְשֵׁיכֶם טַפְּכֶם וּמִקְנֵיכֶם
יֵשְׁבוּ בָּאָרֶץ אֲשֶׁר נָתַן לָכֶם מֹשֶׁה בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן וְאַתֶּם
תַּעַבְרוּ חֲמֻשִׁים לִפְנֵי אֲחֵיכֶם כֹּל גִּבּוֹרֵי הַחַיִל וַעֲזַרְתֶּם
טו אוֹתָם׃ עַד אֲשֶׁר־יָנִיחַ יְהוָה ׀ לַאֲחֵיכֶם כָּכֶם וְיָרְשׁוּ גַם־
הֵמָּה אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם נֹתֵן לָהֶם וְשַׁבְתֶּם
לְאֶרֶץ יְרֻשַּׁתְכֶם וִירִשְׁתֶּם אוֹתָהּ אֲשֶׁר ׀ נָתַן לָכֶם מֹשֶׁה
טז עֶבֶד יְהוָה בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן מִזְרַח הַשָּׁמֶשׁ׃ וַיַּעֲנוּ אֶת־יְהוֹשֻׁעַ
לֵאמֹר כֹּל אֲשֶׁר־צִוִּיתָנוּ נַעֲשֶׂה וְאֶל־כָּל־אֲשֶׁר תִּשְׁלָחֵנוּ
יז נֵלֵךְ׃ כְּכֹל אֲשֶׁר־שָׁמַעְנוּ אֶל־מֹשֶׁה כֵּן נִשְׁמַע אֵלֶיךָ רַק
יח יִהְיֶה יְהוָה אֱלֹהֶיךָ עִמָּךְ כַּאֲשֶׁר הָיָה עִם־מֹשֶׁה׃ כָּל־אִישׁ
אֲשֶׁר־יַמְרֶה אֶת־פִּיךָ וְלֹא־יִשְׁמַע אֶת־דְּבָרֶיךָ לְכֹל אֲשֶׁר־
תְּצַוֶּנּוּ יוּמָת רַק חֲזַק וֶאֱמָץ׃ *

ב

א וַיִּשְׁלַח יְהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן מִן־הַשִּׁטִּים שְׁנַיִם אֲנָשִׁים מְרַגְּלִים
חֶרֶשׁ לֵאמֹר לְכוּ רְאוּ אֶת־הָאָרֶץ וְאֶת־יְרִיחוֹ וַיֵּלְכוּ וַיָּבֹאוּ
ב בֵּית אִשָּׁה זוֹנָה וּשְׁמָהּ רָחָב וַיִּשְׁכְּבוּ־שָׁמָּה׃ וַיֵּאָמַר לְמֶלֶךְ
יְרִיחוֹ לֵאמֹר הִנֵּה אֲנָשִׁים בָּאוּ הֵנָּה הַלַּיְלָה מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל
ג לַחְפֹּר אֶת־הָאָרֶץ׃ וַיִּשְׁלַח מֶלֶךְ יְרִיחוֹ אֶל־רָחָב לֵאמֹר
הוֹצִיאִי הָאֲנָשִׁים הַבָּאִים אֵלַיִךְ אֲשֶׁר־בָּאוּ לְבֵיתֵךְ כִּי
ד לַחְפֹּר אֶת־כָּל־הָאָרֶץ בָּאוּ׃ וַתִּקַּח הָאִשָּׁה אֶת־שְׁנֵי הָאֲנָשִׁים
וַתִּצְפְּנוֹ וַתֹּאמֶר כֵּן בָּאוּ אֵלַי הָאֲנָשִׁים וְלֹא יָדַעְתִּי מֵאַיִן
ה הֵמָּה׃ וַיְהִי הַשַּׁעַר לִסְגּוֹר בַּחֹשֶׁךְ וְהָאֲנָשִׁים יָצָאוּ לֹא
יָדַעְתִּי אָנָה הָלְכוּ הָאֲנָשִׁים רִדְפוּ מַהֵר אַחֲרֵיהֶם כִּי
ו תַשִּׂיגוּם׃ וְהִיא הֶעֱלָתַם הַגָּגָה וַתִּטְמְנֵם בְּפִשְׁתֵּי הָעֵץ

א, יח׳ כ״א אל    ע״כ    ב, א׳ הפטרות שלח לך    ה׳ קמץ בז״ק

ב [1] און יהושע דער זון פון נון האָט געשיקט פון שִטים צוויי מענטשן אויסקוקערס שטילערהייט, אַזוי צו זאָגן: גייט זעט דאָס לאַנד, און יריחו. זײַנען זיי געגאַנגען, און זײַנען געקומען אין הויז פון אַ פרוי אַ זונה וואָס איר נאָמען איז געווען רָחָב, און האָבן זיך דאָרטן געלייגט. [2] איז אָנגעזאָגט געוואָרן דעם מלך פון יריחו, אַזוי צו זאָגן: זע, מענטשן זײַנען געקומען אַהער די נאַכט פון די קינדער פון ישׂראל, אויסצופאָרשן דאָס לאַנד. [3] האָט דער מלך פון יריחו געשיקט צו רָחָבן, אַזוי צו זאָגן: גיב אַרויס די מענטשן וואָס זײַנען געקומען צו דיר, די וואָס זײַנען געקומען אין דײַן הויז, וואָרום אויסצופאָרשן דאָס גאַנצע לאַנד זײַנען זיי געקומען.—[4] און די פרוי האָט גענומען די צוויי מענטשן, און האָט זיי באַהאַלטן.—און זי האָט געזאָגט: יאָ, די מענטשן זײַנען געקומען צו מיר, אָבער איך האָב ניט געוווּסט פון וואַנען זיי זײַנען; [5] און עס איז געווען, ווי מע האָט געזאָלט פאַרשליסן דעם טויער, אַז עס איז געוואָרן פינצטער, אַזוי זײַנען די מענטשן אַרויסגעגאַנגען; איך ווייס ניט וווהין די מענטשן זײַנען געגאַנגען; יאָגט זיי נאָך אויף גיך, וואָרום איר וועט זיי אָניאָגן.

[6] אָבער זי האָט זיי געהאַט אַרויפגעפירט אויפן דאַך, און זיי באַהאַלטן אין פלאַקסשטעקלעך וואָס זײַנען געווען

הָעֲרֻכוֹת לָהּ עַל־הַגָּג׃ וְהָאֲנָשִׁים רָדְפוּ אַחֲרֵיהֶם דֶּרֶךְ ז
הַיַּרְדֵּן עַל הַמַּעְבְּרוֹת וְהַשַּׁעַר סָגָרוּ אַחֲרֵי כַּאֲשֶׁר יָצְאוּ
הָרֹדְפִים אַחֲרֵיהֶם׃ וְהֵמָּה טֶרֶם יִשְׁכָּבוּן וְהִיא עָלְתָה ח
עֲלֵיהֶם עַל־הַגָּג׃ וַתֹּאמֶר אֶל־הָאֲנָשִׁים יָדַעְתִּי כִּי־נָתַן ט
יְהוָה לָכֶם אֶת־הָאָרֶץ וְכִי־נָפְלָה אֵימַתְכֶם עָלֵינוּ וְכִי
נָמֹגוּ כָּל־יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ מִפְּנֵיכֶם׃ כִּי שָׁמַעְנוּ אֵת אֲשֶׁר־ י
הוֹבִישׁ יְהוָה אֶת־מֵי יַם־סוּף מִפְּנֵיכֶם בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם
וַאֲשֶׁר עֲשִׂיתֶם לִשְׁנֵי מַלְכֵי הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן
לְסִיחֹן וּלְעוֹג אֲשֶׁר הֶחֱרַמְתֶּם אוֹתָם׃ וַנִּשְׁמַע וַיִּמַּס יא
לְבָבֵנוּ וְלֹא־קָמָה עוֹד רוּחַ בְּאִישׁ מִפְּנֵיכֶם כִּי יְהוָה
אֱלֹהֵיכֶם הוּא אֱלֹהִים בַּשָּׁמַיִם מִמַּעַל וְעַל־הָאָרֶץ מִתָּחַת׃
וְעַתָּה הִשָּׁבְעוּ־נָא לִי בַּיהוָה כִּי־עָשִׂיתִי עִמָּכֶם חָסֶד יב
וַעֲשִׂיתֶם גַּם־אַתֶּם עִם־בֵּית אָבִי חֶסֶד וּנְתַתֶּם לִי אוֹת
אֱמֶת׃ וְהַחֲיִתֶם אֶת־אָבִי וְאֶת־אִמִּי וְאֶת־אַחַי וְאֶת־אַחוֹתַי יג
וְאֵת כָּל־אֲשֶׁר לָהֶם וְהִצַּלְתֶּם אֶת־נַפְשֹׁתֵינוּ מִמָּוֶת׃ וַיֹּאמְרוּ יד
לָהּ הָאֲנָשִׁים נַפְשֵׁנוּ תַחְתֵּיכֶם לָמוּת אִם לֹא תַגִּידוּ אֶת־
דְּבָרֵנוּ זֶה וְהָיָה בְּתֵת יְהוָה לָנוּ אֶת־הָאָרֶץ וְעָשִׂינוּ עִמָּךְ
חֶסֶד וֶאֱמֶת׃ וַתּוֹרִדֵם בַּחֶבֶל בְּעַד הַחַלּוֹן כִּי בֵיתָהּ בְּקִיר טו
הַחוֹמָה וּבַחוֹמָה הִיא יוֹשָׁבֶת׃ וַתֹּאמֶר לָהֶם הָהָרָה לֵּכוּ טז
פֶּן־יִפְגְּעוּ בָכֶם הָרֹדְפִים וְנַחְבֵּתֶם שָׁמָּה שְׁלֹשֶׁת יָמִים
עַד שׁוֹב הָרֹדְפִים וְאַחַר תֵּלְכוּ לְדַרְכְּכֶם׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלֶיהָ יז
הָאֲנָשִׁים נְקִיִּם אֲנַחְנוּ מִשְּׁבֻעָתֵךְ הַזֶּה אֲשֶׁר הִשְׁבַּעְתָּנוּ׃
הִנֵּה אֲנַחְנוּ בָאִים בָּאָרֶץ אֶת־תִּקְוַת חוּט הַשָּׁנִי הַזֶּה יח
תִּקְשְׁרִי בַּחַלּוֹן אֲשֶׁר הוֹרַדְתֵּנוּ בוֹ וְאֶת־אָבִיךְ וְאֶת־אִמֵּךְ
וְאֶת־אַחַיִךְ וְאֵת כָּל־בֵּית אָבִיךְ תַּאַסְפִי אֵלַיִךְ הַבָּיְתָה׃
וְהָיָה כֹּל אֲשֶׁר־יֵצֵא מִדַּלְתֵי בֵיתֵךְ הַחוּצָה דָּמוֹ בְרֹאשׁוֹ יט
וַאֲנַחְנוּ נְקִיִּם וְכֹל אֲשֶׁר יִהְיֶה אִתָּךְ בַּבַּיִת דָּמוֹ בְרֹאשֵׁנוּ

ז׳ קמץ בז״ק   יג׳ אחותי ק   יח׳ הזה בצרי

אויסגעלייגט ביי איר אויפן דאַך. [7] און די מענטשן האָבן זיי נאָכגעיאָגט אויפן וועג פון יַרדן, צו די איבערפאָרן; און דעם טויער האָט מען פאַרשלאָסן נאָכדעם ווי עס זײַנען אַרויסגעגאַנגען די וואָס האָבן זיי נאָכגעיאָגט.

[8] און איידער זיי האָבן זיך געלייגט, איז זי אַרויפֿגעגאַנגען צו זיי אויפן דאַך, [9] און זי האָט געזאָגט צו די מענטשן: איך ווייס, אַז גאָט האָט אײַך געגעבן דאָס לאַנד, און אַז אײַער אימה איז געפאַלן אויף אונדז, און אַז אַלע באַוווינער פון לאַנד זײַנען צעגאַנגען געוואָרן פאַר אײַך. [10] וואָרום מיר האָבן געהערט ווי גאָט האָט אויסגעטריקנט די וואַסערן פון ים־סוף פון פאַר אײַך, ביי אײַער אַרויסגיין פון מִצרַיִם, און וואָס איר האָט געטאָן צו די צוויי מלכים פון דעם אֶמורי וואָס אויף יענער זייט יַרדן, צו סיחונען און צו עוגן, וואָס איר האָט זיי פאַרוויסט. [11] און ווי מיר האָבן געהערט, אַזוי איז צעגאַנגען אונדזער האַרץ, און אין קיינעם איז מער אַן אָטעם ניט געבליבן פון וועגן אײַך; וואָרום יהוה אײַער גאָט ער איז גאָט אין הימל אויבן, און אויף דער ערד אונטן. [12] און אַצונד שווערט מיר, איך בעט אײַך, ביי יהוה, ווײַל איך האָב געטאָן חסד מיט אײַך, אַז איר אויך וועט טאָן חסד מיט מײַן פאָטערס הויז; און איר זאָלט מיר געבן אַן אמתן צייכן, [13] אַז איר וועט לאָזן לעבן מײַן פאָטער און מײַן מוטער, און מײַנע ברידער און מײַנע שוועסטער, און אַלע וואָס געהערן צו זיי, און איר וועט מציל זײַן אונדזערע נפשות פון טויט.

[14] האָבן די מענטשן צו איר געזאָגט: אונדזער נפש אָנשטאָט אײַך צום טויט, אויב איר וועט ניט אויסזאָגן די דאָזיקע זאַך אונדזערע! און עס וועט זײַן, אַז גאָט וועט אונדז געבן דאָס לאַנד, וועלן מיר טאָן מיט דיר חסד און טרײַשאַפט.

[15] האָט זי זיי אַראָפּגעלאָזן מיט אַ שטריק דורכן פענצטער; וואָרום איר הויז איז געווען אין דער וואַנט פון דער שטאָטמויער, און זי האָט געוווינט אין דעם מויער. [16] און זי האָט צו זיי געזאָגט: גייט צום באַרג צו, כּדי די נאָכיאָגער זאָלן אײַך ניט אָנטרעפן; און איר זאָלט אײַך באַהאַלטן דאָרטן דריי טעג, ביז די נאָכיאָגער קערן זיך אום; און דערנאָך וועט איר גיין אויף אײַער וועג.

[17] האָבן די מענטשן צו איר געזאָגט: מיר וועלן זײַן ריין פון דײַן דאָזיקער שבועה וואָס דו האָסט אונדז באַשוואָרן. [18] אָט ווי מיר קומען אין לאַנד, זאָלסטו די שנור פון דעמדאָזיקן רויטן פאָדים אָנבינדן אין דעם פענצטער וואָס דו האָסט אונדז אַראָפּגעלאָזן דורך אים, און דײַן פאָטער און דײַן מוטער, און דײַנע ברידער, און דאָס גאַנצע הויז פון דײַן פאָטער, זאָלסטו אײַנזאַמלען צו דיר אין הויז. [19] און עס וועט זײַן, איטלעכער וואָס וועט אַרויסגיין פון די טירן פון דײַן הויז דערויסן, וועט זײַן בלוט זײַן אויף זײַן קאָפּ, און מיר וועלן זײַן ריין; אָבער איטלעכער וואָס וועט זײַן ביי דיר אין הויז, וועט

כ אִם־יָד תִּהְיֶה־בּוֹ׃ וְאִם־תַּגִּידִי אֶת־דְּבָרֵנוּ זֶה וְהָיִינוּ נְקִיִּם
כא מִשְּׁבֻעָתֵךְ אֲשֶׁר הִשְׁבַּעְתָּנוּ׃ וַתֹּאמֶר כְּדִבְרֵיכֶם כֶּן־הוּא
כב וַתְּשַׁלְּחֵם וַיֵּלֵכוּ וַתִּקְשֹׁר אֶת־תִּקְוַת הַשָּׁנִי בַּחַלּוֹן׃ וַיֵּלְכוּ
וַיָּבֹאוּ הָהָרָה וַיֵּשְׁבוּ שָׁם שְׁלֹשֶׁת יָמִים עַד־שָׁבוּ הָרֹדְפִים
כג וַיְבַקְשׁוּ הָרֹדְפִים בְּכָל־הַדֶּרֶךְ וְלֹא מָצָאוּ׃ וַיָּשֻׁבוּ שְׁנֵי
הָאֲנָשִׁים וַיֵּרְדוּ מֵהָהָר וַיַּעַבְרוּ וַיָּבֹאוּ אֶל־יְהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן
כד וַיְסַפְּרוּ־לוֹ אֵת כָּל־הַמֹּצְאוֹת אוֹתָם׃ וַיֹּאמְרוּ אֶל־יְהוֹשֻׁעַ
כִּי־נָתַן יְהוָה בְּיָדֵנוּ אֶת־כָּל־הָאָרֶץ וְגַם־נָמֹגוּ כָּל־יֹשְׁבֵי
הָאָרֶץ מִפָּנֵינוּ׃ *

ג

א וַיַּשְׁכֵּם יְהוֹשֻׁעַ בַּבֹּקֶר וַיִּסְעוּ מֵהַשִּׁטִּים וַיָּבֹאוּ עַד־הַיַּרְדֵּן
ב הוּא וְכָל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיָּלִנוּ שָׁם טֶרֶם יַעֲבֹרוּ׃ וַיְהִי מִקְצֵה
ג שְׁלֹשֶׁת יָמִים וַיַּעַבְרוּ הַשֹּׁטְרִים בְּקֶרֶב הַמַּחֲנֶה׃ וַיְצַוּוּ
אֶת־הָעָם לֵאמֹר כִּרְאֹתְכֶם אֵת אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם
וְהַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם נֹשְׂאִים אֹתוֹ וְאַתֶּם תִּסְעוּ מִמְּקוֹמְכֶם
ד וַהֲלַכְתֶּם אַחֲרָיו׃ אַךְ ׀ רָחוֹק יִהְיֶה בֵּינֵיכֶם וּבֵינָו כְּאַלְפַּיִם
אַמָּה בַּמִּדָּה אַל־תִּקְרְבוּ אֵלָיו לְמַעַן אֲשֶׁר־תֵּדְעוּ אֶת־הַדֶּרֶךְ
אֲשֶׁר תֵּלְכוּ־בָהּ כִּי לֹא עֲבַרְתֶּם בַּדֶּרֶךְ מִתְּמוֹל שִׁלְשׁוֹם׃
ה * וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֶל־הָעָם הִתְקַדָּשׁוּ כִּי מָחָר יַעֲשֶׂה
ו יְהוָה בְּקִרְבְּכֶם נִפְלָאוֹת׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֶל־הַכֹּהֲנִים
לֵאמֹר שְׂאוּ אֶת־אֲרוֹן הַבְּרִית וְעִבְרוּ לִפְנֵי הָעָם וַיִּשְׂאוּ
ז אֶת־אֲרוֹן הַבְּרִית וַיֵּלְכוּ לִפְנֵי הָעָם׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה
אֶל־יְהוֹשֻׁעַ הַיּוֹם הַזֶּה אָחֵל גַּדֶּלְךָ בְּעֵינֵי כָּל־יִשְׂרָאֵל
אֲשֶׁר יֵדְעוּן כִּי כַּאֲשֶׁר הָיִיתִי עִם־מֹשֶׁה אֶהְיֶה עִמָּךְ׃ *
ח וְאַתָּה תְּצַוֶּה אֶת־הַכֹּהֲנִים נֹשְׂאֵי אֲרוֹן־הַבְּרִית לֵאמֹר
ט כְּבֹאֲכֶם עַד־קְצֵה מֵי הַיַּרְדֵּן בַּיַּרְדֵּן תַּעֲמֹדוּ׃ וַיֹּאמֶר
יְהוֹשֻׁעַ אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל גֹּשׁוּ הֵנָּה וְשִׁמְעוּ אֶת־דִּבְרֵי יְהוָה

ב, כד׳ ע״כ   ג, ד׳ ובינו ק   ה׳ הפטרה יום א׳ של פסח לאשכנזים   ז׳ דלג אל ה, ב

זיין בלוט זיין אויף אונדזער קאָפּ, אויב אַ האַנט וועט זיין אויף אים. [20] אויב אָבער דו וועסט אויסזאָגן דידאָזיקע זאַך אונדזערע, וועלן מיר זיין ריין פון דיין שבועה וואָס דו האָסט אונדז באַשוואָרן.

[21] האָט זי געזאָגט: ווי אײַערע ווערטער, אַזוי זאָל זיין. און זי האָט זיי אַרויסבאַלייט, און זיי זײַנען אַוועקגעגאַנגען. און זי האָט אָנגעבונדן די רויטע שנור אין פענצטער.

[22] און זיי זײַנען געגאַנגען, און זײַנען געקומען צום באַרג, און זײַנען דאָרטן געזעסן דריי טעג, ביז די נאָכיאָגערס האָבן זיך אומגעקערט. און די נאָכיאָגערס האָבן געזוכט איבערן גאַנצן וועג, און האָבן ניט געפונען.

[23] און די צוויי מענטשן האָבן זיך אומגעקערט, און האָבן אַראָפּגענידערט פון באַרג, און זײַנען אַריבערגעגאַנגען און געקומען צו יהושע דעם זון פון נון, און האָבן אים דערציילט אַלץ וואָס זיי האָט געטראָפן. [24] און זיי האָבן געזאָגט צו יהושוען: פאַרוואָר, גאָט האָט געגעבן אין אונדזער האַנט דאָס גאַנצע לאַנד; און אויך זײַנען די באַוווינער פון לאַנד צעגאַנגען געוואָרן פאַר אונדז.

ג [1] און יהושע האָט זיך געפעדערט אין דער פרי, און זיי האָבן געצויגן פון שטים, און זײַנען געקומען ביזן ירדן, ער און אַלע קינדער פון ישראל; און זיי האָבן דאָרטן גענעכטיקט איידער זיי זײַנען אַריבערגעגאַנגען.

[2] און עס איז געווען צום סוף פון דריי טעג*, זײַנען די אויפזעער דורכגעגאַנגען אין לאַגער, [3] און זיי האָבן באַפוילן דעם פאָלק, אַזוי צו זאָגן: ווי איר זעט דעם אָרון פון בונד פון יהוה אײַער גאָט, און די כּהנים פון שבט לוי טראָגן אים, אַזוי זאָלט איר ציען פון אײַער אָרט, און גיין נאָך אים—[4] נאָר ווייט זאָל זיין צווישן אײַך און צווישן אים, אַרום צוויי טויזנט איילן אויפן מאָס; איר זאָלט ניט גענענען צו אים—כּדי איר זאָלט וויסן דעם וועג וואָס איר זאָלט אויף אים גיין, וואָרום איר זייט ניט דורכגעגאַנגען אויף דעם וועג נעכטן־אייערנעכטן.

[5] און יהושע האָט געזאָגט צום פאָלק: הייליקט אײַך, וואָרום מאָרגן וועט גאָט טאָן צווישן אײַך וווּנדער. [6] און יהושע האָט געזאָגט צו די כּהנים, אַזוי צו זאָגן: טראָגט דעם אָרון פון בונד, און גייט פאַרויס פאַרן פאָלק.

האָבן זיי געטראָגן דעם אָרון פון בונד, און זײַנען געגאַנגען פאַרויס פאַרן פאָלק.

[7] און גאָט האָט געזאָגט צו יהושוען: הײַנטיקן טאָג וועל איך אָנהייבן דיך גרייסן פאַר די אויגן פון גאַנץ ישראל, כּדי זיי זאָלן וויסן, אַז אַזוי ווי איך בין געווען מיט משהן, וועל איך זיין מיט דיר. [8] און דו זאָלסט באַפעלן די כּהנים וואָס טראָגן דעם אָרון פון בונד, אַזוי צו זאָגן: ווי איר קומט צום ברעג וואַסער פון ירדן, זאָלט איר אין ירדן זיך אָפּשטעלן.

[9] האָט יהושע געזאָגט צו די קינדער פון ישראל: גענענט אַהער, און הערט די ווערטער פון יהוה אײַער

* זע א, 11.

אֱלֹהֵיכֶם׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ בְּזֹאת תֵּדְעוּן כִּי אֵל חַי בְּקִרְבְּכֶם י
וְהוֹרֵשׁ יוֹרִישׁ מִפְּנֵיכֶם אֶת־הַכְּנַעֲנִי וְאֶת־הַחִתִּי וְאֶת־
הַחִוִּי וְאֶת־הַפְּרִזִּי וְאֶת־הַגִּרְגָּשִׁי וְהָאֱמֹרִי וְהַיְבוּסִי׃ הִנֵּה יא
אֲרוֹן הַבְּרִית אֲדוֹן כָּל־הָאָרֶץ עֹבֵר לִפְנֵיכֶם בַּיַּרְדֵּן׃ וְעַתָּה יב
קְחוּ לָכֶם שְׁנֵי עָשָׂר אִישׁ מִשִּׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל אִישׁ־אֶחָד
אִישׁ־אֶחָד לַשָּׁבֶט׃ וְהָיָה כְּנוֹחַ כַּפּוֹת רַגְלֵי הַכֹּהֲנִים יג
נֹשְׂאֵי אֲרוֹן יְהוָה אֲדוֹן כָּל־הָאָרֶץ בְּמֵי הַיַּרְדֵּן מֵי הַיַּרְדֵּן
יִכָּרֵתוּן הַמַּיִם הַיֹּרְדִים מִלְמָעְלָה וְיַעַמְדוּ נֵד אֶחָד׃ וַיְהִי יד
בִּנְסֹעַ הָעָם מֵאָהֳלֵיהֶם לַעֲבֹר אֶת־הַיַּרְדֵּן וְהַכֹּהֲנִים נֹשְׂאֵי
הָאָרוֹן הַבְּרִית לִפְנֵי הָעָם׃ וּכְבוֹא נֹשְׂאֵי הָאָרוֹן עַד־ טו
הַיַּרְדֵּן וְרַגְלֵי הַכֹּהֲנִים נֹשְׂאֵי הָאָרוֹן נִטְבְּלוּ בִּקְצֵה הַמָּיִם
וְהַיַּרְדֵּן מָלֵא עַל־כָּל־גְּדוֹתָיו כֹּל יְמֵי קָצִיר׃ וַיַּעַמְדוּ טז
הַמַּיִם הַיֹּרְדִים מִלְמַעְלָה קָמוּ נֵד־אֶחָד הַרְחֵק מְאֹד
בְאָדָם הָעִיר אֲשֶׁר מִצַּד צָרְתָן וְהַיֹּרְדִים עַל יָם הָעֲרָבָה
יָם־הַמֶּלַח תַּמּוּ נִכְרָתוּ וְהָעָם עָבְרוּ נֶגֶד יְרִיחוֹ׃ וַיַּעַמְדוּ יז
הַכֹּהֲנִים נֹשְׂאֵי הָאָרוֹן בְּרִית־יְהוָה בֶּחָרָבָה בְּתוֹךְ הַיַּרְדֵּן
הָכֵן וְכָל־יִשְׂרָאֵל עֹבְרִים בֶּחָרָבָה עַד אֲשֶׁר־תַּמּוּ כָּל־הַגּוֹי
לַעֲבוֹר אֶת־הַיַּרְדֵּן׃

ד

וַיְהִי כַּאֲשֶׁר־תַּמּוּ כָל־הַגּוֹי לַעֲבוֹר אֶת־הַיַּרְדֵּן ׃ וַיֹּאמֶר א
יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ לֵאמֹר׃ קְחוּ לָכֶם מִן־הָעָם שְׁנֵים עָשָׂר ב
אֲנָשִׁים אִישׁ־אֶחָד אִישׁ־אֶחָד מִשָּׁבֶט׃ וְצַוּוּ אוֹתָם לֵאמֹר ג
שְׂאוּ־לָכֶם מִזֶּה מִתּוֹךְ הַיַּרְדֵּן מִמַּצַּב רַגְלֵי הַכֹּהֲנִים הָכִין
שְׁתֵּים־עֶשְׂרֵה אֲבָנִים וְהַעֲבַרְתֶּם אוֹתָם עִמָּכֶם וְהִנַּחְתֶּם
אוֹתָם בַּמָּלוֹן אֲשֶׁר־תָּלִינוּ בוֹ הַלָּיְלָה׃ וַיִּקְרָא יְהוֹשֻׁעַ ד
אֶל־שְׁנֵים הֶעָשָׂר אִישׁ אֲשֶׁר הֵכִין מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל אִישׁ־
אֶחָד אִישׁ־אֶחָד מִשָּׁבֶט׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם יְהוֹשֻׁעַ עִבְרוּ לִפְנֵי ה

ג, טו׳ מאדם ק׳   ד, א׳ פסקא באמצע פסוק

גאָט. 10 און יהושע האָט געזאָגט: דורך דעם וועט איר וויסן, אַז דער לעבעדיקער גאָט איז צווישן אייך, און פאַרטרייבן וועט ער פאַרטרייבן פון פאַר אייך דעם כּנעני, און דעם חתּי, און דעם חוי, און דעם פּרזי, און דעם גרגשי, און דעם אמורי, און דעם יבוסי. 11 אָט גייט דער אָרון פון בונד פון דעם האַר פון דער גאַנצער ערד אַריבער אייך פאַרויס איבערן ירדן. 12 און אַצונד, נעמט אייך צוועלף מענער פון די שבטים פון ישראל, צו איין מאַן, צו איין מאַן פון אַ שבט. 13 און עס וועט זיין, ווי די פוסטריט פון די כּהנים, וואָס טראָגן דעם אָרון פון גאָט דעם האַר פון דער גאַנצער ערד, רוען אין די וואַסערן פון ירדן, אַזוי וועלן די וואַסערן פון ירדן פאַרשניטן ווערן—די וואַסערן וואָס נידערן אַראָפּ פון אויבן—און זיי וועלן בלייבן שטיין אין איין הויפן.

14 און עס איז געווען, ווי דאָס פאָלק האָט געצויגן פון זייערע געצעלטן אַריבערצוגיין דעם ירדן, מיט די כּהנים, וואָס האָבן געטראָגן דעם אָרון פון בונד, פאַרויס פאַרן פאָלק, 15 און ווי די טרעגער פון אָרון זיינען געקו־מען ביזן ירדן, און די פיס פון די כּהנים, וואָס האָבן גע־טראָגן דעם אָרון, האָבן זיך איינגעטונקט אין ברעג וואַ־סער—וואָרום דער ירדן איז פול איבער אַלע זיינע ברעגן אַלע טעג פון שניט—16 אַזוי האָבן די וואַסערן, וואָס נידערן אַראָפּ פון אויבן, זיך אָפּגעשטעלט; זיי זיינען געבליבן שטיין אין איין הויפן, זייער ווייט פון דער שטאָט אָדם וואָס לעבן צרתן; און די וואָס נידערן אַראָפּ צו דעם ים פון פּלוין, דעם ים־המלח, זיינען אין גאַנצן פאַרשניטן געוואָרן; און דאָס פאָלק איז אַריבערגעגאַנגען אַקעגן יריחו. 17 און די כּהנים, וואָס האָבן געטראָגן דעם אָרון פון גאָטס בונד, זיינען געשטאַנען פעסט אויף טריקעניש אין מיטן ירדן; און גאַנץ ישראל זיינען אַריבערגעגאַנגען אויף טריקעניש, ביז דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענדיקט אַריבערגיין דעם ירדן.

ד 1 און עס איז געווען, אַז דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענדיקט אַריבערגיין דעם ירדן, האָט גאָט געזאָגט צו יהושוען, אַזוי צו זאָגן: 2 נעמט אייך פון פאָלק צוועלף מענער, צו איין מאַן, צו איין מאַן פון אַ שבט. 3 און באַפעלט זיי, אַזוי צו זאָגן: נעמט אייך פון דאַנען, פון מיטן ירדן, פון וווּ די פיס פון די כּהנים זיינען געשטאַנען פעסט, צוועלף שטיינער, און איר זאָלט זיי אַריבערברענגען מיט אייך, און זיי אַוועקלייגן אין דעם נאַכטלאַגער וואָס איר וועט דרינען נעכטיקן די נאַכט.

4 און יהושע האָט גערופן די צוועלף מענער, וואָס ער האָט אָנגעברייט פון די קינדער פון ישראל, צו איין מאַן, צו איין מאַן פון אַ שבט, 5 און יהושע האָט צו זיי געזאָגט: גייט אַריבער צו דעם אָרון פון יהוה אייער גאָט, אין מיטן

יַרדן, און נעמט אַייך איטלעכער אַ שטיין אויף זיין אַקסל, לויט דער צאָל פון די שבטים פון די קינדער פון ישראל; 6 כּדי דאָס זאָל זיין אַ צייכן צווישן אַייך; אַז אַייערע קינ־דער וועלן שפּעטער אַהין פרעגן, אַזוי צו זאָגן: וואָס זיינען אַייך די דאָזיקע שטיינער? 7 זאָלט איר זיי זאָגן: ווייל די וואַסערן פון יַרדן זיינען פאַרשניטן געוואָרן פאַר דעם אָרון פון גאָטס בונד; ווען ער איז אַריבערגעגאַנגען איבערן יַרדן איז פאַרשניטן געוואָרן דאָס וואַסער פון יַרדן; און די דאָזיקע שטיינער וועלן זיין פאַר אַ דערמאָנונג צו די קינדער פון ישראל ביז אייביק.

8 און די קינדער פון ישראל האָבן אַזוי געטאָן, אַזוי ווי יהושע האָט באַפוילן; און זיי האָבן גענומען צוועלף שטיינער פון מיטן יַרדן, אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט צו יהושוען, לויט דער צאָל פון די שבטים פון די קינדער פון ישראל, און זיי האָבן זיי אַריבערגעטראָגן מיט זיך צו דעם נאַכטלאַגער, און זיי אַוועקגעלייגט דאָרטן.

9 און צוועלף שטיינער האָט יהושע אויפגעשטעלט אין מיטן יַרדן, אויף דעם אָרט וווּ די פיס פון די כּהנים, וואָס האָבן געטראָגן דעם אָרון פון בונד, זיינען געשטאַנען; און זיי זיינען דאָרטן ביז אויף היינטיקן טאָג. 10 און די כּהנים וואָס האָבן געטראָגן דעם אָרון, זיינען געשטאַנען אין מיטן יַרדן, ביז עס איז אויסגעפירט געוואָרן אַלצדינג וואָס גאָט האָט באַפוילן יהושוען צו רעדן צום פאָלק, אַזוי ווי אַלץ וואָס משה האָט באַפוילן יהושוען. און דאָס פאָלק האָט געאַיילט און איז אַריבערגעגאַנגען. 11 און עס איז געווען, ווי דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענדיקט אַריבערגיין, אַזוי איז אַריבערגעגאַנגען דער אָרון פון גאָט און די כּהנים פאַרן פאָלק.

12 און די קינדער פון ראובן, און די קינדער פון גָד, און דער האַלבער שבט מנשה, זיינען אַריבערגעגאַנגען באַ־וואָפנטע פאַרויס פאַר די קינדער פון ישראל, אַזוי ווי משה האָט צו זיי גערעדט. 13 אַרום פערציק טויזנט באַוואָפנטע חיל זיינען אַריבערגעגאַנגען פאַר גאָטס אָנגעזיכט אויף מלחמה, צו די פלוינען פון יריחו.

14 אין יענעם טאָג האָט גאָט געגרייסט יהושוען פאַר די אויגן פון גאַנץ ישראל, און זיי האָבן מורא געהאַט פאַר אים אַזוי ווי זיי האָבן מורא געהאַט פאַר משהן, אַלע טעג פון זיין לעבן.

15 און גאָט האָט געזאָגט צו יהושוען, אַזוי צו זאָגן: 16 באַפעל די כּהנים וואָס טראָגן דעם אָרון פון געזעץ, זיי זאָלן אַרויפגיין פון יַרדן.

17 האָט יהושע באַפוילן די כּהנים, אַזוי צו זאָגן: גייט אַרויף פון יַרדן. 18 און עס איז געווען, אַז די כּהנים, וואָס האָבן געטראָגן דעם אָרון פון גאָטס בונד, זיינען אַרויפגעגאַנגען פון מיטן יַרדן, ווי די פוסטריט פון די כּהנים האָבן זיך אויפגעהויבן אויף דער יבשה, אַזוי האָבן די וואַסערן פון יַרדן זיך אומגעקערט אויף זייער אָרט, און זיינען געגאַנגען איבער אַלע זיינע ברעגן אַזוי ווי נעכטן־אייערנעכטן.

אֲרוֹן יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם אֶל־תּוֹךְ הַיַּרְדֵּן וְהָרִימוּ לָכֶם אִישׁ
ו אֶבֶן אַחַת עַל־שִׁכְמוֹ לְמִסְפַּר שִׁבְטֵי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל׃ לְמַעַן
תִּהְיֶה זֹאת אוֹת בְּקִרְבְּכֶם כִּי־יִשְׁאָלוּן בְּנֵיכֶם מָחָר לֵאמֹר
ז מָה הָאֲבָנִים הָאֵלֶּה לָכֶם׃ וַאֲמַרְתֶּם לָהֶם אֲשֶׁר נִכְרְתוּ
מֵימֵי הַיַּרְדֵּן מִפְּנֵי אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה בְּעָבְרוֹ בַּיַּרְדֵּן נִכְרְתוּ
מֵי הַיַּרְדֵּן וְהָיוּ הָאֲבָנִים הָאֵלֶּה לְזִכָּרוֹן לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל עַד־
ח עוֹלָם׃ וַיַּעֲשׂוּ־כֵן בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוֹשֻׁעַ וַיִּשְׂאוּ
שְׁתֵּי־עֶשְׂרֵה אֲבָנִים מִתּוֹךְ הַיַּרְדֵּן כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֶל־
יְהוֹשֻׁעַ לְמִסְפַּר שִׁבְטֵי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל וַיַּעֲבִרוּם עִמָּם אֶל־
ט הַמָּלוֹן וַיַּנִּחוּם שָׁם׃ וּשְׁתֵּים עֶשְׂרֵה אֲבָנִים הֵקִים יְהוֹשֻׁעַ
בְּתוֹךְ הַיַּרְדֵּן תַּחַת מַצַּב רַגְלֵי הַכֹּהֲנִים נֹשְׂאֵי אֲרוֹן
י הַבְּרִית וַיִּהְיוּ שָׁם עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וְהַכֹּהֲנִים נֹשְׂאֵי הָאָרוֹן
עֹמְדִים בְּתוֹךְ הַיַּרְדֵּן עַד־תֹּם כָּל־הַדָּבָר אֲשֶׁר־צִוָּה
יְהוָה אֶת־יְהוֹשֻׁעַ לְדַבֵּר אֶל־הָעָם כְּכֹל אֲשֶׁר־צִוָּה מֹשֶׁה
יא אֶת־יְהוֹשֻׁעַ וַיְמַהֲרוּ הָעָם וַיַּעֲבֹרוּ׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר־תַּם כָּל־
הָעָם לַעֲבוֹר וַיַּעֲבֹר אֲרוֹן־יְהוָה וְהַכֹּהֲנִים לִפְנֵי הָעָם׃
יב וַיַּעַבְרוּ בְּנֵי־רְאוּבֵן וּבְנֵי־גָד וַחֲצִי שֵׁבֶט הַמְנַשֶּׁה חֲמֻשִׁים
יג לִפְנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֲלֵיהֶם מֹשֶׁה׃ כְּאַרְבָּעִים
אֶלֶף חֲלוּצֵי הַצָּבָא עָבְרוּ לִפְנֵי יְהוָה לַמִּלְחָמָה אֶל עַרְבוֹת
יד יְרִיחוֹ׃ בַּיּוֹם הַהוּא גִּדַּל יְהוָה אֶת־יְהוֹשֻׁעַ בְּעֵינֵי כָּל־
יִשְׂרָאֵל וַיִּרְאוּ אֹתוֹ כַּאֲשֶׁר יָרְאוּ אֶת־מֹשֶׁה כָּל־יְמֵי חַיָּיו׃
טו טז וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ לֵאמֹר׃ צַוֵּה אֶת־הַכֹּהֲנִים
יז נֹשְׂאֵי אֲרוֹן הָעֵדוּת וְיַעֲלוּ מִן־הַיַּרְדֵּן׃ וַיְצַו יְהוֹשֻׁעַ אֶת־
יח הַכֹּהֲנִים לֵאמֹר עֲלוּ מִן־הַיַּרְדֵּן׃ וַיְהִי בַּעֲלוֹת הַכֹּהֲנִים
נֹשְׂאֵי אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה מִתּוֹךְ הַיַּרְדֵּן נִתְּקוּ כַּפּוֹת רַגְלֵי
הַכֹּהֲנִים אֶל הֶחָרָבָה וַיָּשֻׁבוּ מֵי־הַיַּרְדֵּן לִמְקוֹמָם וַיֵּלְכוּ
יט כִתְמוֹל־שִׁלְשׁוֹם עַל־כָּל־גְּדוֹתָיו׃ וְהָעָם עָלוּ מִן־הַיַּרְדֵּן

יח׳ כמלוה ק

בֶּעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן וַיַּחֲנוּ בַּגִּלְגָּל בִּקְצֵה מִזְרַח יְרִיחוֹ׃
וְאֵת שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה הָאֲבָנִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר לָקְחוּ מִן־ כ
הַיַּרְדֵּן הֵקִים יְהוֹשֻׁעַ בַּגִּלְגָּל׃ וַיֹּאמֶר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כא
לֵאמֹר אֲשֶׁר יִשְׁאָלוּן בְּנֵיכֶם מָחָר אֶת־אֲבוֹתָם לֵאמֹר
מָה הָאֲבָנִים הָאֵלֶּה׃ וְהוֹדַעְתֶּם אֶת־בְּנֵיכֶם לֵאמֹר כב
בַּיַּבָּשָׁה עָבַר יִשְׂרָאֵל אֶת־הַיַּרְדֵּן הַזֶּה׃ אֲשֶׁר־הוֹבִישׁ כג
יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם אֶת־מֵי הַיַּרְדֵּן מִפְּנֵיכֶם עַד־עָבְרְכֶם
כַּאֲשֶׁר עָשָׂה יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם לְיַם־סוּף אֲשֶׁר־הוֹבִישׁ
מִפָּנֵינוּ עַד־עָבְרֵנוּ׃ לְמַעַן דַּעַת כָּל־עַמֵּי הָאָרֶץ אֶת־יַד כד
יְהוָה כִּי חֲזָקָה הִיא לְמַעַן יְרָאתֶם אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם
כָּל־הַיָּמִים׃

ה

וַיְהִי כִשְׁמֹעַ כָּל־מַלְכֵי הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן יָמָּה א
וְכָל־מַלְכֵי הַכְּנַעֲנִי אֲשֶׁר עַל־הַיָּם אֵת אֲשֶׁר־הוֹבִישׁ יְהוָה
אֶת־מֵי הַיַּרְדֵּן מִפְּנֵי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל עַד־עָבְרֵנוּ וַיִּמַּס לְבָבָם
וְלֹא־הָיָה בָם עוֹד רוּחַ מִפְּנֵי בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל׃ *בָּעֵת ב
הַהִיא אָמַר יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ עֲשֵׂה לְךָ חַרְבוֹת צֻרִים
וְשׁוּב מֹל אֶת־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל שֵׁנִית׃ וַיַּעַשׂ־לוֹ יְהוֹשֻׁעַ חַרְבוֹת ג
צֻרִים וַיָּמָל אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל־גִּבְעַת הָעֲרָלוֹת׃ וְזֶה ד
הַדָּבָר אֲשֶׁר־מָל יְהוֹשֻׁעַ כָּל־הָעָם הַיֹּצֵא מִמִּצְרַיִם
הַזְּכָרִים כֹּל | אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה מֵתוּ בַמִּדְבָּר בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתָם
מִמִּצְרָיִם׃ כִּי־מֻלִים הָיוּ כָּל־הָעָם הַיֹּצְאִים וְכָל־הָעָם ה
הַיִּלֹּדִים בַּמִּדְבָּר בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתָם מִמִּצְרַיִם לֹא־מָלוּ׃ כִּי | ו
אַרְבָּעִים שָׁנָה הָלְכוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל בַּמִּדְבָּר עַד־תֹּם כָּל־
הַגּוֹי אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה הַיֹּצְאִים מִמִּצְרַיִם אֲשֶׁר לֹא־שָׁמְעוּ
בְּקוֹל יְהוָה אֲשֶׁר נִשְׁבַּע יְהוָה לָהֶם לְבִלְתִּי הַרְאוֹתָם
אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע יְהוָה לַאֲבוֹתָם לָתֶת לָנוּ אֶרֶץ

ה, א׳ עבים קרי    ב׳ הפטרת יום ראשון של פסח

[19] און דאָס פאָלק איז אַרויפגעגאַנגען פון יַרדן אין צענטן טאָג פון ערשטן חודש, און זיי האָבן גערוט אין גִלגָל, אין מזרח־עק פון יריחו. [20] און דידאָזיקע צוועלף שטיינער, וואָס זיי האָבן אַרויסגענומען פון יַרדן, האָט יהושֻעַ אויפגעשטעלט אין גִלגָל. [21] און ער האָט געזאָגט צו די קינדער פון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן: אַז אײַערע קינדער וועלן שפּעטער אַהין פרעגן זייערע עלטערן, אַזוי צו זאָגן: וואָס זײַנען דידאָזיקע שטיינער? [22] זאָלט איר מאַכן וויסן אײַערע קינדער, אַזוי צו זאָגן: אויף טריקעניש איז ישׂראל אַריבערגעגאַנגען דעמדאָזיקן יַרדן. [23] וואָרום יהוה אײַער גאָט האָט אויסגעטריקנט די וואַסערן פון יַרדן פון פאַר אײַך, ביז איר זײַט אַריבערגעגאַנגען, אַזוי ווי יהוה אײַער גאָט האָט געטאָן צום ים־סוף, וואָס ער האָט אויסגעטריקנט פון פאַר אונדז, ביז מיר זײַנען אַריבערגעגאַנגען; [24] כּדי אַלע פעלקער פון דער ערד זאָלן וויסן די האַנט פון יהוה אַז זי איז שטאַרק; כּדי איר זאָלט מורא האָבן פאַר יהוה אײַער גאָט אַלע טעג.

ה [1] און עס איז געווען, ווי די מלכים פון דעם אֱמוֹרי וואָס אויף דער זייט יַרדן, צו מערב, און אַלע מלכים פון דעם כּנַעֲני וואָס בײַם ים, האָבן געהערט אַז גאָט האָט אויסגעטריקנט די וואַסערן פון יַרדן פון פאַר די קינדער פון ישׂראל, ביז זיי זײַנען אַריבערגעגאַנגען, אַזוי איז זייער האַרץ צעגאַנגען, און אַן אָטעם איז מער ניט געבליבן אין זיי פון וועגן די קינדער פון ישׂראל.

[2] אין יענער צייט האָט גאָט געזאָגט צו יהושֻעַן: מאַך דיר שטיינערנע מעסערס, און מַל ווידער די קינדער פון ישׂראל, אַ צווייט מאָל. [3] האָט יהושֻעַ זיך געמאַכט שטיינערנע מעסערס, און האָט געמַלט די קינדער פון ישׂראל אין גִבעת־הָעֲרָלוֹת[א].

[4] און דאָס איז די זאַך פאַרוואָס יהושֻעַ האָט געמַלט: דאָס גאַנצע פאָלק וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון מִצרַיִם, די מאַנספּאַרשוינען, אַלע קריגסלײַט, זײַנען אויסגעשטאָרבן אין דער מדבר אונטערוועגנס נאָך זייער אַרויסגיין פון מִצרַיִם. [5] וואָרום דאָס גאַנצע פאָלק וואָס זײַנען אַרויסגעגאַנגען, זײַנען געווען געמַלט, אָבער דאָס גאַנצע פאָלק וואָס זײַנען געבאָרן געוואָרן אין דער מדבר אונטערוועגנס נאָך זייער אַרויסגיין פון מִצרַיִם, האָט מען ניט געמַלט. [6] וואָרום פערציק יאָר זײַנען די קינדער פון ישׂראל געגאַנגען אין דער מדבר, ביז עס איז פאַרלענדט געוואָרן די גאַנצע אומה, די קריגסלײַט וואָס זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון מִצרַיִם, וואָס האָבן ניט צוגעהערט צו דעם קָול פון גאָט, די וואָס גאָט האָט זיי געשוואָרן, זיי ניט צו לאָזן זען דאָס לאַנד וואָס גאָט האָט געשוואָרן זייערע עלטערן, אונדז צו געבן, אַ לאַנד וואָס פליסט מיט

[א] דאָס בערגל פון פאַרהויטן.

מילך און האָניק; [7] נאָר זייערע קינדער האָט ער אויפֿ־
געשטעלט אָנשטאָט זיי. זיי האָט דאָס יהושע געמַלט,
ווייל זיי זיינען געווען אומבאַשניטן, וואָרום מע האָט זיי
ניט געמַלט אונטערוועגנס.

[8] און עס איז געווען, אַז דאָס גאַנצע פֿאָלק האָבן
געענדיקט זיך מַלן, זיינען זיי געזעסן אויף זייער אָרט אין
לאַגער ביז זיי זיינען געזונט געוואָרן.

[9] און גאָט האָט געזאָגט צו יהושוען: היינט האָב איך
אַראָפּגעקייקלט פֿון אײַך די חרפּה פֿון מִצרַיִם. דרום
רופֿט מען יענעם אָרט גִלגָל[א] ביז אויף היינטיקן טאָג.

[10] און די קינדער פֿון ישׂראל האָבן גערוט אין גִלגָל;
און זיי האָבן געמאַכט דעם קָרבּן־פֶּסַח אין פֿערצנטן טאָג
פֿון חודש, אין אָוונט, אין די פּלוינען פֿון יריחו. [11] און
זיי האָבן געגעסן פֿון דער תּבואה פֿון לאַנד אויף מאָרגן
נאָכן קָרבּן־פֶּסַח, מצות און געבּרענטע זאַנגען, אין דעם־
דאָזיקן אייגענעם טאָג. [12] און דער מַן האָט אויפֿגעהערט
אויף מאָרגן, אַז זיי האָבן געגעסן פֿון דער תּבואה פֿון
לאַנד; און די קינדער פֿון ישׂראל האָבן מער ניט געהאַט
קיין מַן; און זיי האָבן געגעסן פֿון דער תּבואה פֿון לאַנד
כּנַעַן אין יענעם יאָר.

[13] און עס איז געווען, אַז יהושע איז געווען אין יריחו,
האָט ער אויפֿגעהויבן זיינע אויגן און געזען, ערשט אַ מאַן
שטייט אַקעגן אים, מיט זיין שווערד אַרויסגעצויגן אין זיין
האַנט. איז יהושע צוגעגאַנגען צו אים, און האָט צו אים
געזאָגט: ביסטו פֿאַר אונדז, אָדער פֿאַר אונדזערע פֿיינט? [14] האָט ער געענטפֿערט: ניין, נייערט איך בין דער חיל-
פֿירער פֿון גאָט; אָקאָרשט בין איך געקומען. איז יהושע געפֿאַלן אויף זיין פּנים צו דער ערד, און האָט זיך געבוקט,
און האָט צו אים געזאָגט: וואָס וויל מיין האַר רעדן צו זיין קנעכט? [15] האָט דער חיל־פֿירער פֿון גאָט געזאָגט צו יהושוען:
צי אַראָפּ דיין שוך פֿון דיין פֿוס, וואָרום דער אָרט וואָס דו שטייסט אויף אים, ער איז הייליק. און יהושע האָט אַזוי
געטאָן.

ז זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ׃ וְאֶת־בְּנֵיהֶם הֵקִים תַּחְתָּם אֹתָם מָל
ח יְהוֹשֻׁעַ כִּי־עֲרֵלִים הָיוּ כִּי לֹא־מָלוּ אוֹתָם בַּדָּרֶךְ׃ וַיְהִי
כַּאֲשֶׁר־תַּמּוּ כָל־הַגּוֹי לְהִמּוֹל וַיֵּשְׁבוּ תַחְתָּם בַּמַּחֲנֶה עַד
ט חֲיוֹתָם׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ הַיּוֹם גַּלּוֹתִי אֶת־
חֶרְפַּת מִצְרַיִם מֵעֲלֵיכֶם וַיִּקְרָא שֵׁם הַמָּקוֹם הַהוּא גִּלְגָּל
י עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וַיַּחֲנוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל בַּגִּלְגָּל וַיַּעֲשׂוּ אֶת־הַפֶּסַח
יא בְּאַרְבָּעָה עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ בָּעֶרֶב בְּעַרְבוֹת יְרִיחוֹ׃ וַיֹּאכְלוּ
מֵעֲבוּר הָאָרֶץ מִמָּחֳרַת הַפֶּסַח מַצּוֹת וְקָלוּי בְּעֶצֶם הַיּוֹם
יב הַזֶּה׃ וַיִּשְׁבֹּת הַמָּן מִמָּחֳרָת בְּאָכְלָם מֵעֲבוּר הָאָרֶץ וְלֹא־
הָיָה עוֹד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל מָן וַיֹּאכְלוּ מִתְּבוּאַת אֶרֶץ כְּנַעַן
יג בַּשָּׁנָה הַהִיא׃ וַיְהִי בִּהְיוֹת יְהוֹשֻׁעַ בִּירִיחוֹ וַיִּשָּׂא עֵינָיו
וַיַּרְא וְהִנֵּה־אִישׁ עֹמֵד לְנֶגְדּוֹ וְחַרְבּוֹ שְׁלוּפָה בְּיָדוֹ וַיֵּלֶךְ
יד יְהוֹשֻׁעַ אֵלָיו וַיֹּאמֶר לוֹ הֲלָנוּ אַתָּה אִם־לְצָרֵינוּ׃ וַיֹּאמֶר ׀
לֹא כִּי אֲנִי שַׂר־צְבָא־יְהוָה עַתָּה בָאתִי וַיִּפֹּל יְהוֹשֻׁעַ
אֶל־פָּנָיו אַרְצָה וַיִּשְׁתָּחוּ וַיֹּאמֶר לוֹ מָה אֲדֹנִי מְדַבֵּר אֶל־
טו עַבְדּוֹ׃ וַיֹּאמֶר שַׂר־צְבָא יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ שַׁל־נַעַלְךָ מֵעַל
רַגְלֶךָ כִּי הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אַתָּה עֹמֵד עָלָיו קֹדֶשׁ הוּא וַיַּעַשׂ
יְהוֹשֻׁעַ כֵּן׃

ו

א וִירִיחוֹ סֹגֶרֶת וּמְסֻגֶּרֶת מִפְּנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֵין יוֹצֵא וְאֵין
ב בָּא׃ * וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ רְאֵה נָתַתִּי בְיָדְךָ אֶת־
ג יְרִיחוֹ וְאֶת־מַלְכָּהּ גִּבּוֹרֵי הֶחָיִל׃ וְסַבֹּתֶם אֶת־הָעִיר כֹּל
אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה הַקֵּיף אֶת־הָעִיר פַּעַם אֶחָת כֹּה תַעֲשֶׂה
ד שֵׁשֶׁת יָמִים׃ וְשִׁבְעָה כֹהֲנִים יִשְׂאוּ שִׁבְעָה שׁוֹפְרוֹת
הַיּוֹבְלִים לִפְנֵי הָאָרוֹן וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי תָּסֹבּוּ אֶת־הָעִיר
ה שֶׁבַע פְּעָמִים וְהַכֹּהֲנִים יִתְקְעוּ בַּשּׁוֹפָרוֹת׃ וְהָיָה בִּמְשֹׁךְ ׀
בְּקֶרֶן הַיּוֹבֵל בְּשָׁמְעֲכֶם אֶת־קוֹל הַשּׁוֹפָר יָרִיעוּ כָל־הָעָם

ה, יד׳ קמץ בז״ק  טו׳ חסר יו״ד  ו, א׳ דלג אל כו׳  ג׳ יחוד ה׳  ה׳ כשמעכם קרי

ו [1] און יריחו איז געווען פֿאַרשפּאַרט און פֿאַרשלאָסן פֿון וועגן די קינדער פֿון ישׂראל; ניט אַרויס און ניט אַריין.
[2] האָט גאָט געזאָגט צו יהושוען: זע, איך האָב געגעבן אין דיין האַנט יריחו און איר מלך, די שטאַרקע גיבּורים.
[3] זאָלט איר, אַלע מלחמה־לייט, אַרומגיין די שטאָט רונד אַרום איין מאָל. אַזוי זאָלסטו טאָן זעקס טעג. [4] און זיבן
כּהנים זאָלן טראָגן זיבן שופֿרות פֿון ווידערס פֿאַר דעם אָרון; און אויפֿן זיבעטן טאָג זאָלט איר אַרומגיין די שטאָט
זיבן מאָל; און די כּהנים זאָלן בלאָזן אין די שופֿרות. [5] און עס וועט זיין, ווען מע גיט אַן אויסגעצויגענעם בלאָז מיטן
האָרן פֿון ווידער, ווי איר הערט דעם קָול פֿון שופֿר, זאָל דאָס גאַנצע פֿאָלק שאַלן אַ גרויסע שאַלונג, און די מויער

[א] קייקלונג.

תְּרוּעָה גְדוֹלָה וְנָפְלָה חוֹמַת הָעִיר תַּחְתֶּיהָ וְעָלוּ הָעָם
אִישׁ נֶגְדּוֹ׃ וַיִּקְרָא יְהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן אֶל־הַכֹּהֲנִים וַיֹּאמֶר ו
אֲלֵהֶם שְׂאוּ אֶת־אֲרוֹן הַבְּרִית וְשִׁבְעָה כֹהֲנִים יִשְׂאוּ שִׁבְעָה
שׁוֹפְרוֹת יוֹבְלִים לִפְנֵי אֲרוֹן יְהוָה׃ וַיֹּאמְרוּ אֶל־הָעָם ז
עִבְרוּ וְסֹבּוּ אֶת־הָעִיר וְהֶחָלוּץ יַעֲבֹר לִפְנֵי אֲרוֹן יְהוָה׃
וַיְהִי כֶּאֱמֹר יְהוֹשֻׁעַ אֶל־הָעָם וְשִׁבְעָה הַכֹּהֲנִים נֹשְׂאִים ח
שִׁבְעָה שׁוֹפְרוֹת הַיּוֹבְלִים לִפְנֵי יְהוָה עָבְרוּ וְתָקְעוּ
בַּשּׁוֹפָרוֹת וַאֲרוֹן בְּרִית יְהוָה הֹלֵךְ אַחֲרֵיהֶם׃ וְהֶחָלוּץ ט
הֹלֵךְ לִפְנֵי הַכֹּהֲנִים תָּקְעוּ הַשּׁוֹפָרוֹת וְהַמְאַסֵּף הֹלֵךְ אַחֲרֵי
הָאָרוֹן הָלוֹךְ וְתָקוֹעַ בַּשּׁוֹפָרוֹת׃ וְאֶת־הָעָם צִוָּה יְהוֹשֻׁעַ י
לֵאמֹר לֹא תָרִיעוּ וְלֹא־תַשְׁמִיעוּ אֶת־קוֹלְכֶם וְלֹא־יֵצֵא
מִפִּיכֶם דָּבָר עַד יוֹם אָמְרִי אֲלֵיכֶם הָרִיעוּ וַהֲרֵיעֹתֶם׃
וַיַּסֵּב אֲרוֹן־יְהוָה אֶת־הָעִיר הַקֵּף פַּעַם אֶחָת וַיָּבֹאוּ הַמַּחֲנֶה יא
וַיָּלִינוּ בַּמַּחֲנֶה׃ וַיַּשְׁכֵּם יְהוֹשֻׁעַ בַּבֹּקֶר וַיִּשְׂאוּ הַכֹּהֲנִים יב
אֶת־אֲרוֹן יְהוָה׃ וְשִׁבְעָה הַכֹּהֲנִים נֹשְׂאִים שִׁבְעָה שׁוֹפְרוֹת יג
הַיֹּבְלִים לִפְנֵי אֲרוֹן יְהוָה הֹלְכִים הָלוֹךְ וְתָקְעוּ בַּשּׁוֹפָרוֹת
וְהֶחָלוּץ הֹלֵךְ לִפְנֵיהֶם וְהַמְאַסֵּף הֹלֵךְ אַחֲרֵי אֲרוֹן יְהוָה
הוֹלֵךְ וְתָקוֹעַ בַּשּׁוֹפָרוֹת׃ וַיָּסֹבּוּ אֶת־הָעִיר בַּיּוֹם הַשֵּׁנִי יד
פַּעַם אַחַת וַיָּשֻׁבוּ הַמַּחֲנֶה כֹּה עָשׂוּ שֵׁשֶׁת יָמִים׃
וַיְהִי ׀ בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי וַיַּשְׁכִּמוּ כַּעֲלוֹת הַשַּׁחַר וַיָּסֹבּוּ טו
אֶת־הָעִיר כַּמִּשְׁפָּט הַזֶּה שֶׁבַע פְּעָמִים רַק בַּיּוֹם הַהוּא
סָבְבוּ אֶת־הָעִיר שֶׁבַע פְּעָמִים׃ וַיְהִי בַּפַּעַם הַשְּׁבִיעִית טז
תָּקְעוּ הַכֹּהֲנִים בַּשּׁוֹפָרוֹת וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֶל־הָעָם
הָרִיעוּ כִּי־נָתַן יְהוָה לָכֶם אֶת־הָעִיר׃ וְהָיְתָה הָעִיר יז
חֵרֶם הִיא וְכָל־אֲשֶׁר־בָּהּ לַיהוָה רַק רָחָב הַזּוֹנָה
תִּחְיֶה הִיא וְכָל־אֲשֶׁר אִתָּהּ בַּבַּיִת כִּי הֶחְבְּאַתָה אֶת־
הַמַּלְאָכִים אֲשֶׁר שָׁלָחְנוּ׃ וְרַק־אַתֶּם שִׁמְרוּ מִן־הַחֵרֶם יח

ז׳ ויאמר קרי ט׳ תקעי קרי יג׳ הלוך קרי טו׳ כעלות קרי

פון דער שטאָט וועט איינפאַלן אונטער זיך, און דאָס פאָלק וועט אַרויפגיין איטלעכער אַקעגן זיך.

6 האָט יהושע דער זון פון נון גערופן די כּהנים, און ער האָט צו זיי געזאָגט: טראָגט דעם אָרון פון בונד, און זיבן כּהנים זאָלן טראָגן זיבן שופרות פון ווידערס פאַר דעם אָרון פון גאָט. 7 און ער האָט געזאָגט צום פאָלק: ציט, און גייט אַרום די שטאָט, און די באַוואָפנטע זאָלן ציען פאַר דעם אָרון פון גאָט.

8 איז געשען אַזוי ווי יהושע האָט אָנגעזאָגט דעם פאָלק; און די זיבן כּהנים, וואָס האָבן געטראָגן די זיבן שופרות פון ווידערס פאַר גאָט, האָבן געצויגן, און געבלאָזן אין די שופרות, און דער אָרון פון גאָטס בונד איז געגאַנגען נאָך זיי. 9 און די באַוואָפנטע זיינען געגאַנגען פאַר די כּהנים, וואָס האָבן געבלאָזן אין די שופרות, און דער הינטער־חיל איז געגאַנגען נאָך דעם אָרון; געגאַנגען און געבלאָזן אין די שופרות.

10 און דעם פאָלק האָט יהושע באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: איר זאָלט ניט שאַלן, און ניט לאָזן הערן אייער קול, און אַ וואָרט זאָל ניט אַרויסגיין פון אייער מויל, ביז דעם טאָג וואָס איך זאָג צו אייך: שאַלט! דענסמאָל זאָלט איר שאַלן.

11 און ער האָט געלאָזט דעם אָרון פון גאָט אַרומגיין די שטאָט רונד אַרום איין מאָל; און זיי זיינען צוריקגעקומען אין לאַגער, און האָבן גענעכטיקט אין לאַגער.

12 און יהושע האָט זיך געפעדערט אין דער פרי; און די כּהנים האָבן געטראָגן דעם אָרון פון גאָט. 13 און די זיבן כּהנים, וואָס האָבן געטראָגן די זיבן שופרות פון ווידערס פאַר דעם אָרון פון גאָט, זיינען געגאַנגען נאָכ־אַנאַנד און געבלאָזן אין די שופרות, און די באַוואָפנטע זיינען געגאַנגען זיי פאַרויס, און דער הינטער־חיל איז געגאַנגען נאָך דעם אָרון פון גאָט; געגאַנגען און געבלאָזן אין די שופרות. 14 אויך אויפן צווייטן טאָג זיינען זיי אַרומגעגאַנגען די שטאָט איין מאָל, און זיך אומגעקערט אין לאַגער. אַזוי האָבן זיי געטאָן זעקס טעג. 15 און עס איז געווען אויפן זיבעטן טאָג, האָבן זיי זיך געפעדערט ווי דער פרימאָרגן איז אויפגעגאַנגען, און זיי זיינען אַרומגעגאַנגען די שטאָט אויפן דאָזיקן שטייגער זיבן מאָל; בלויז אין יענעם טאָג זיינען זיי אַרומגעגאַנגען די שטאָט זיבן מאָל. 16 און עס איז געווען ביים זיבעטן מאָל, האָבן די כּהנים געבלאָזן אין די שופרות, און יהושע האָט געזאָגט צום פאָלק: שאַלט! וואָרום גאָט האָט אייך גע־געבן די שטאָט. 17 און די דאָזיקע שטאָט זאָל זיין חרם צו גאָט, זי און אַלץ וואָס אין איר; נאָר רחב די זונה זאָל בלייבן לעבן, זי און אַלע וואָס ביי איר אין הויז, ווייל זי האָט באַהאַלטן די שלוחים וואָס מיר האָבן געשיקט. 18 און איר היט אייך נאָר

פֶּן־תַּחֲרִימוּ וּלְקַחְתֶּם מִן־הַחֵרֶם וְשַׂמְתֶּם אֶת־מַחֲנֵה
יט יִשְׂרָאֵל לְחֵרֶם וַעֲכַרְתֶּם אוֹתוֹ׃ וְכֹל ׀ כֶּסֶף וְזָהָב וּכְלֵי
כ נְחֹשֶׁת וּבַרְזֶל קֹדֶשׁ הוּא לַיהוָה אוֹצַר יְהוָה יָבוֹא׃ וַיָּרַע
הָעָם וַיִּתְקְעוּ בַּשֹּׁפָרוֹת וַיְהִי כִשְׁמֹעַ הָעָם אֶת־קוֹל הַשּׁוֹפָר
וַיָּרִיעוּ הָעָם תְּרוּעָה גְדוֹלָה וַתִּפֹּל הַחוֹמָה תַּחְתֶּיהָ וַיַּעַל
כא הָעָם הָעִירָה אִישׁ נֶגְדּוֹ וַיִּלְכְּדוּ אֶת־הָעִיר׃ וַיַּחֲרִימוּ אֶת־
כָּל־אֲשֶׁר בָּעִיר מֵאִישׁ וְעַד־אִשָּׁה מִנַּעַר וְעַד־זָקֵן וְעַד שׁוֹר
כב וָשֶׂה וַחֲמוֹר לְפִי־חָרֶב׃ וְלִשְׁנַיִם הָאֲנָשִׁים הַמְרַגְּלִים אֶת־
הָאָרֶץ אָמַר יְהוֹשֻׁעַ בֹּאוּ בֵּית־הָאִשָּׁה הַזּוֹנָה וְהוֹצִיאוּ
מִשָּׁם אֶת־הָאִשָּׁה וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר־לָהּ כַּאֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתֶּם
כג לָהּ׃ וַיָּבֹאוּ הַנְּעָרִים הַמְרַגְּלִים וַיֹּצִיאוּ אֶת־רָחָב וְאֶת־
אָבִיהָ וְאֶת־אִמָּהּ וְאֶת־אַחֶיהָ וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר־לָהּ וְאֵת כָּל־
כד מִשְׁפְּחוֹתֶיהָ הוֹצִיאוּ וַיַּנִּיחוּם מִחוּץ לְמַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל׃ וְהָעִיר
שָׂרְפוּ בָאֵשׁ וְכָל־אֲשֶׁר־בָּהּ רַק ׀ הַכֶּסֶף וְהַזָּהָב וּכְלֵי
כה הַנְּחֹשֶׁת וְהַבַּרְזֶל נָתְנוּ אוֹצַר בֵּית־יְהוָה׃ וְאֶת־רָחָב הַזּוֹנָה
וְאֶת־בֵּית אָבִיהָ וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר־לָהּ הֶחֱיָה יְהוֹשֻׁעַ וַתֵּשֶׁב
בְּקֶרֶב יִשְׂרָאֵל עַד הַיּוֹם הַזֶּה כִּי הֶחְבִּיאָה אֶת־הַמַּלְאָכִים
כו אֲשֶׁר־שָׁלַח יְהוֹשֻׁעַ לְרַגֵּל אֶת־יְרִיחוֹ׃ וַיַּשְׁבַּע יְהוֹשֻׁעַ
בָּעֵת הַהִיא לֵאמֹר אָרוּר הָאִישׁ לִפְנֵי יְהוָה אֲשֶׁר יָקוּם
וּבָנָה אֶת־הָעִיר הַזֹּאת אֶת־יְרִיחוֹ בִּבְכֹרוֹ יְיַסְּדֶנָּה וּבִצְעִירוֹ
כז יַצִּיב דְּלָתֶיהָ׃ וַיְהִי יְהוָה אֶת־יְהוֹשֻׁעַ וַיְהִי שָׁמְעוֹ
בְּכָל־הָאָרֶץ׃

ז

א וַיִּמְעֲלוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל מַעַל בַּחֵרֶם וַיִּקַּח עָכָן בֶּן־כַּרְמִי
בֶן־זַבְדִּי בֶן־זֶרַח לְמַטֵּה יְהוּדָה מִן־הַחֵרֶם וַיִּחַר־אַף יְהוָה
ב בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּשְׁלַח יְהוֹשֻׁעַ אֲנָשִׁים מִירִיחוֹ הָעַי
אֲשֶׁר עִם־בֵּית אָוֶן מִקֶּדֶם לְבֵית־אֵל וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם
לֵאמֹר עֲלוּ וְרַגְּלוּ אֶת־הָאָרֶץ וַיַּעֲלוּ הָאֲנָשִׁים וַיְרַגְּלוּ אֶת־

ו, כז׳ ע״כ

פון דעם חרם, איר זאָלט אַליין ניט ווערן חרם, אַז איר וועט נעמען פון דעם חרם, און מאַכן דעם לאַגער פון ישראל צו חרם, און אים פאַראומגליקן. 19 און דאָס גאַנצע זילבער און גאָלד, און קופּערנע און אײַזערנע כּלים, דאָס זאָל זײַן הייליק צו גאָט; אין שאַץ פון גאָט זאָל עס אַרײַן.

20 האָט דאָס פאָלק געשאַלט, און מע האָט געבלאָזן אין די שופרות. און עס איז געווען, ווי דאָס פאָלק האָט געהערט דעם קול פון שופר, אַזוי האָט דאָס פאָלק געשאַלט אַ גרויסע שאַלונג, און די מויער איז אײַנגעפאַלן אונטער זיך, און דאָס פאָלק איז אַרויפגעגאַנגען אין שטאָט איטלעכער אַקעגן זיך; און זיי האָבן באַצוווּנגען די שטאָט. 21 און זיי האָבן פאַרווּיסט אַלץ וואָס אין שטאָט, פון אַ מאַן ביז אַ פרוי, פון יונג ביז אַלט, און ביז אַן אָקס, און אַ שעפּס, און אַן אייזל, מיטן שאַרף פון שווערד.

22 און צו די צוויי מענער וואָס האָבן אויסגעקוקט דאָס לאַנד האָט יהושע געזאָגט: גייט אַרײַן אין הויז פון דער פרוי דער זונה, און פירט אַרויס פון דאָרטן די פרוי, און אַלע וואָס געהערן צו איר, אַזוי ווי איר האָט איר געשוואוירן.

23 זײַנען די יונגעלײַט די אויסקוקערס אַרײַנגעגאַנגען, און האָבן אַרויסגעפירט רחבן, און איר פאָטער און איר מוטער, און אירע ברידער, און אַלע וואָס האָבן געהערט צו איר, אויך איר גאַנצע משפּחה האָבן זיי אַרויסגעפירט, און זיי איבערגעלאָזט דערויסן פון לאַגער פון ישראל. 24 און די שטאָט האָבן זיי פאַרבּרענט אין פײַער מיט אַלץ וואָס אין איר; בלויז דאָס זילבער און דאָס גאָלד, און די קופּערנע און אײַזערנע כּלים, האָבן זיי אָפּגעגעבן אין שאַץ פון גאָטס הויז. 25 און רחב די זונה, און איר פאָטערס הויזגעזינט, און אַלע וואָס האָבן געהערט צו איר, האָט יהושע געלאָזט לעבן, און זי איז געבליבן צווישן ישראל ביז אויף הײַנטיקן טאָג; ווײַל זי האָט באַהאַלטן די שלוחים וואָס יהושע האָט געשיקט אויסצוקוקן יריחו.

26 און יהושע האָט באַשוואוירן אין יענער צײַט, אַזוי צו זאָגן: פאַרשאָלטן פאַר גאָט דער מאַן וואָס וועט אויפשטיין און וועט אָפּבויען די דאָזיקע שטאָט יריחו! מיט [דעם לעבן פון] זײַן בכור זאָל ער לייגן איר גרונטפעסט, און מיט זײַן ייִנגסטן זאָל ער אַרײַנשטעלן אירע טירן.

27 און גאָט איז געווען מיט יהושוען, און זײַן שם איז געווען אין גאַנצן לאַנד.

ז 1 און די קינדער פון ישראל האָבן געפעלשט אַ פעלשונג אין דעם חרם, און עכן דער זון פון כּרמי דעם זון פון זבדי, דעם זון פון זרחן, פון שבט יהודה, האָט גענומען פון דעם חרם, און דער צאָרן פון גאָט האָט געגרימט אויף די קינדער פון ישראל.

2 און יהושע האָט געשיקט מענטשן פון יריחו קיין עי וואָס לעבן בית־און, אין מזרח פון בית־אל, און ער האָט זיי אָנגעזאָגט, אַזוי צו זאָגן: גייט אַרויף, און קוקט אויס דאָס לאַנד. זײַנען די מענטשן אַרויפגעגאַנגען, און האָבן אויסגעקוקט

הָעָֽי׃ וַיָּשֻׁבוּ אֶל־יְהוֹשֻׁעַ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו אַל־יַעַל כׇּל־הָעָם ג
כְּאַלְפַּיִם אִישׁ אוֹ כִּשְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים אִישׁ יַעֲלוּ וְיַכּוּ אֶת־
הָעָי אַל־תְּיַגַּע שָׁמָּה אֶת־כׇּל־הָעָם כִּי מְעַט הֵמָּה׃ וַיַּעֲלוּ ד
מִן־הָעָם שָׁמָּה כִּשְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים אִישׁ וַיָּנֻסוּ לִפְנֵי אַנְשֵׁי
הָעָֽי׃ וַיַּכּוּ מֵהֶם אַנְשֵׁי הָעַי כִּשְׁלֹשִׁים וְשִׁשָּׁה אִישׁ וַיִּרְדְּפוּם ה
לִפְנֵי הַשַּׁעַר עַד־הַשְּׁבָרִים וַיַּכּוּם בַּמּוֹרָד וַיִּמַּס לְבַב־הָעָם
וַיְהִי לְמָֽיִם׃ וַיִּקְרַע יְהוֹשֻׁעַ שִׂמְלֹתָיו וַיִּפֹּל עַל־פָּנָיו אַרְצָה ו
לִפְנֵי אֲרוֹן יְהוָה עַד־הָעֶרֶב הוּא וְזִקְנֵי יִשְׂרָאֵל וַיַּעֲלוּ עָפָר
עַל־רֹאשָֽׁם׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֲהָהּ ׀ אֲדֹנָי יְהוִה לָמָה הֶעֱבַרְתָּ ז
הַעֲבִיר אֶת־הָעָם הַזֶּה אֶת־הַיַּרְדֵּן לָתֵת אֹתָנוּ בְּיַד הָאֱמֹרִי
לְהַאֲבִידֵנוּ וְלוּ הוֹאַלְנוּ וַנֵּשֶׁב בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּֽן׃ בִּי אֲדֹנָי מָה ח
אֹמַר אַחֲרֵי אֲשֶׁר הָפַךְ יִשְׂרָאֵל עֹרֶף לִפְנֵי אֹיְבָֽיו׃ וְיִשְׁמְעוּ ט
הַכְּנַעֲנִי וְכֹל יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ וְנָסַבּוּ עָלֵינוּ וְהִכְרִיתוּ אֶת־
שְׁמֵנוּ מִן־הָאָרֶץ וּמַה־תַּעֲשֵׂה לְשִׁמְךָ הַגָּדֽוֹל׃ וַיֹּאמֶר י
יְהוָה אֶל־יְהֹשֻׁעַ קֻם לָךְ לָמָּה זֶּה אַתָּה נֹפֵל עַל־פָּנֶֽיךָ׃
חָטָא יִשְׂרָאֵל וְגַם עָבְרוּ אֶת־בְּרִיתִי אֲשֶׁר צִוִּיתִי אוֹתָם יא
וְגַם לָקְחוּ מִן־הַחֵרֶם וְגַם גָּנְבוּ וְגַם כִּחֲשׁוּ וְגַם שָׂמוּ
בִכְלֵיהֶֽם׃ וְלֹא יֻכְלוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לָקוּם לִפְנֵי אֹיְבֵיהֶם יב
עֹרֶף יִפְנוּ לִפְנֵי אֹיְבֵיהֶם כִּי הָיוּ לְחֵרֶם לֹא אוֹסִיף לִהְיוֹת
עִמָּכֶם אִם־לֹא תַשְׁמִידוּ הַחֵרֶם מִקִּרְבְּכֶֽם׃ קֻם קַדֵּשׁ אֶת־ יג
הָעָם וְאָמַרְתָּ הִתְקַדְּשׁוּ לְמָחָר כִּי כֹה אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי
יִשְׂרָאֵל חֵרֶם בְּקִרְבְּךָ יִשְׂרָאֵל לֹא תוּכַל לָקוּם לִפְנֵי
אֹיְבֶיךָ עַד־הֲסִירְכֶם הַחֵרֶם מִקִּרְבְּכֶֽם׃ וְנִקְרַבְתֶּם בַּבֹּקֶר יד
לְשִׁבְטֵיכֶם וְהָיָה הַשֵּׁבֶט אֲשֶׁר־יִלְכְּדֶנּוּ יְהוָה יִקְרַב
לַמִּשְׁפָּחוֹת וְהַמִּשְׁפָּחָה אֲשֶׁר־יִלְכְּדֶנָּה יְהוָה תִּקְרַב לַבָּתִּים
וְהַבַּיִת אֲשֶׁר יִלְכְּדֶנּוּ יְהוָה יִקְרַב לַגְּבָרִֽים׃ וְהָיָה הַנִּלְכָּד טו
בַּחֵרֶם יִשָּׂרֵף בָּאֵשׁ אֹתוֹ וְאֶת־כׇּל־אֲשֶׁר־לוֹ כִּי עָבַר אֶת־

ז׳ כצ״ל  ט׳ הש׳ בצרי

עַי. 3 און זיי האָבן זיך אומגעקערט צו יהושוען, און האָבן צו אים געזאָגט: זאָל ניט אַרויפגיין דאָס גאַנצע פאָלק; אַרום צוויי טויזנט מאַן, אָדער אַרום דריי טויזנט מאַן, זאָלן אַרויפגיין און שלאָגן עַי. דאַרפסט ניט מיען אַהין דאָס גאַנצע פאָלק, וואָרום זיי זײַנען ווינציק.

4 זײַנען אַרויפגעגאַנגען אַהין פון פאָלק אַרום דריי טויזנט מאַן; אָבער זיי זײַנען אַנטלאָפן פאַר די מענטשן פון עַי. 5 און די מענטשן פון עַי האָבן פון זיי געשלאָגן אַרום זעקס און דרייסיק מאַן, און זיי האָבן זיי נאָכגעיאָגט פון פאַרן טויער ביז שבָרים, און האָבן זיי געשלאָגן ביים אַראָפּגאַנג; און דאָס האַרץ פון פאָלק איז צעגאַנגען, און איז געוואָרן אַזוי ווי וואַסער.

6 האָט יהושוע צעריסן זײַנע קליידער, און איז געפאַלן אויף זײַן פּנים צו דער ערד פאַר דעם אָרון פון גאָט ביזן אָוונט, ער און די עלטסטע פון ישראל; און זיי האָבן אַרויפגעלייגט ערד אויף זייער קאָפּ. 7 און יהושוע האָט געזאָגט: וויי, גאָט דו האַר, נאָך וואָס האָסטו גאָר אַריבערגעבראַכט דאָסדאָזיקע פאָלק איבערן ירדן, אונדז צו געבן אין דער האַנט פון אֶמורי, כדי אונדז אונטערצוברענגען? הלוואַי וואָלטן מיר באַשטאַנען און געבליבן אויף יענער זייט ירדן! 8 איך בעט דיך, גאָט, וואָס קען איך זאָגן, נאָכדעם אַז ישראל האָט געמוזט קערן דעם נאַקן פאַר זײַנע פײַנט? 9 וואָרום דער כנַעֲני און אַלע באַוווינער פון לאַנד וועלן דערהערן, און וועלן אונדז אַרומרינגלען, און פאַרשניידן אונדזער נאָמען פון דער ערד; און וואָס וועסטו טאָן פאַר דײַן גרויסן נאָמען?

10 האָט גאָט געזאָגט צו יהושוען: שטיי דיר אויף; נאָך וואָס דען פאַלסטו אויף דײַן פּנים? 11 געזינדיקט האָט ישראל, און זיי האָבן אויך איבערגעטרעטן מײַן בונד וואָס איך האָב זיי באַפוילן, און זיי האָבן אי גענומען פון חרם, אי געגנבעט, אי פאַרלייקנט, אי אַרײַנגעטאָן אין זייערע זאַכן. 12 דרום קענען די קינדער פון ישראל ניט באַשטיין פאַר זייערע פײַנט; דעם נאַקן קערן זיי פאַר זייערע פײַנט, ווײַל זיי זײַנען געוואָרן צו חרם; איך וועל מער ניט זײַן מיט אײַך, אויב איר וועט ניט פאַרטיליקן דעם חרם פון צווישן אײַך. 13 שטיי אויף, און הייליק דאָס פאָלק, און זאָלסט זאָגן: הייליקט אײַך אויף מאָרגן, וואָרום אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישראל: חרם איז צווישן דיר, ישראל; וועסט ניט קענען באַשטיין פאַר דײַנע פײַנט, ביז איר וועט אָפּטאָן דעם חרם פון צווישן אײַך. 14 דרום זאָלט איר גענענען אין דער פרי לויט אײַערע שבטים, און עס וועט זײַן, דער שבט וואָס גאָט וועט אים פאַרנעמען, זאָל גענענען לויט די משפּחות, און די משפּחה וואָס גאָט וועט זי פאַרנעמען, זאָל גענענען לויט די הייזער, און דאָס הויז וואָס גאָט וועט עס פאַרנעמען, זאָל גענענען לויט די מענער. 15 און עס וועט זײַן, דער וואָס וועט פאַרנומען ווערן מיטן חרם, זאָל פאַרבּרענט ווערן אין

פייער, ער און אַלץ וואָס געהערט צו אים; ווייל ער האָט איבערגעטרעטן דעם בונד פון גאָט, און ווייל ער האָט געטאָן אַ נבָלה אין ישׂראל.

[16] האָט יהושע זיך געפעדערט אין דער פרי, און געמאַכט גענענען ישׂראל לויט זיינע שבטים; איז פאַרנומען געוואָרן שבט יהודה. [17] האָט ער געמאַכט גענענען די משפחה פון יהודה, און ער האָט פאַרנומען די משפחה פון די זַרחים. האָט ער געמאַכט גענענען די משפחה פון די זַרחים לויט די מענער, און זַבדי איז פאַרנומען געוואָרן. [18] האָט ער געמאַכט גענענען זיין הויז לויט די מענער, און עָכָן דער זון פון כַּרמי דעם זון פון זַבדי, דעם זון פון זֶרַחן, פון שבט יהודה, איז פאַרנומען געוואָרן.

[19] האָט יהושע געזאָגט צו עָכָנען: מיין זון, טו, איך בעט דיך, כּבוד צו יהוה דעם גאָט פון ישׂראל, און זיי זיך מודה פאַר אים, און זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס דו האָסט געטאָן; זאָלסט ניט פאַרהוילן פון מיר.

[20] האָט עָכָן געענטפערט יהושוען, און האָט געזאָגט: אמת, איך האָב געזינדיקט צו יהוה דעם גאָט פון ישׂראל, און אַזוי און אַזוי האָב איך געטאָן. [21] איך האָב געזען אין דעם רויב אַ גוטן מאַנטל פון שִנעָר, און צוויי הונדערט שֶקל זילבער, און אַ צונג גאָלד וואָס איר וואָג איז פופציק שֶקל; האָב איך זיי געגלוסט, און האָב זיי צוגענומען, און אָט זיינען זיי באַהאַלטן אין דער ערד אין מיטן פון מיין געצעלט, און דאָס זילבער איז אונטער דעם.

[22] האָט יהושע געשיקט שלוחים, און זיי זיינען אַוועקגעלאָפן צום געצעלט; ערשט עס איז באַהאַלטן אין זיין געצעלט, און דאָס זילבער איז אונטער דעם. [23] האָבן זיי זיי אַרויסגענומען פון מיטן געצעלט, און געבראַכט צו יהושוען, און צו אַלע קינדער פון ישׂראל, און זיי האָבן זיי אַוועקגעלייגט פאַר גאָט. [24] און יהושע און גאַנץ ישׂראל מיט אים האָבן גענומען עָכָן דעם זון פון זֶרַחן, און דאָס זילבער, און דעם מאַנטל, און די צונג גאָלד, און זיינע זין, און זיינע טעכטער, און זיינע אָקסן, און זיינע אייזלען, און זיינע שאָף, און זיין געצעלט, און אַלץ וואָס האָט געהערט צו אים, און זיי האָבן זיי אַרויפגעבראַכט צום טאָל עָכור. [25] און יהושע האָט געזאָגט: וואָס האָסטו אונדז פאַראומגליקט? פאַראומגליקן זאָל דיך גאָט היינטיקן טאָג. און גאַנץ ישׂראל האָבן אים פאַרשטיינט מיט שטיינער; און זיי האָבן זיי פאַרברענט אין פייער, און זיי פאַרוואָרפן מיט שטיינער. [26] און זיי האָבן אויפגעשטעלט איבער אים אַ גרויסן הויפן שטיינער [וואָס שטייט] ביז אויף היינטיקן טאָג; און גאָט האָט זיך אָפּגעקערט פון זיין גרימצאָרן. דרום רופט מען יענעם אָרט דער טאָל עָכור[א] ביז אויף היינטיקן טאָג.

טז בְּרִית יְהוָה וְכִי־עָשָׂה נְבָלָה בְּיִשְׂרָאֵל׃ וַיַּשְׁכֵּם יְהוֹשֻׁעַ
בַּבֹּקֶר וַיַּקְרֵב אֶת־יִשְׂרָאֵל לִשְׁבָטָיו וַיִּלָּכֵד שֵׁבֶט יְהוּדָה׃
יז וַיַּקְרֵב אֶת־מִשְׁפַּחַת יְהוּדָה וַיִּלְכֹּד אֵת מִשְׁפַּחַת הַזַּרְחִי
יח וַיַּקְרֵב אֶת־מִשְׁפַּחַת הַזַּרְחִי לַגְּבָרִים וַיִּלָּכֵד זַבְדִּי׃ וַיַּקְרֵב
אֶת־בֵּיתוֹ לַגְּבָרִים וַיִּלָּכֵד עָכָן בֶּן־כַּרְמִי בֶן־זַבְדִּי בֶּן־זֶרַח
יט לְמַטֵּה יְהוּדָה׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֶל־עָכָן בְּנִי שִׂים־נָא כָבוֹד
לַיהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל וְתֶן־לוֹ תוֹדָה וְהַגֶּד־נָא לִי מֶה עָשִׂיתָ
כ אַל־תְּכַחֵד מִמֶּנִּי׃ וַיַּעַן עָכָן אֶת־יְהוֹשֻׁעַ וַיֹּאמַר אָמְנָה
אָנֹכִי חָטָאתִי לַיהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל וְכָזֹאת וְכָזֹאת עָשִׂיתִי׃
כא וָאֶרְאֶה בַשָּׁלָל אַדֶּרֶת שִׁנְעָר אַחַת טוֹבָה וּמָאתַיִם שְׁקָלִים
כֶּסֶף וּלְשׁוֹן זָהָב אֶחָד חֲמִשִּׁים שְׁקָלִים מִשְׁקָלוֹ וָאֶחְמְדֵם
וָאֶקָּחֵם וְהִנָּם טְמוּנִים בָּאָרֶץ בְּתוֹךְ הָאָהֳלִי וְהַכֶּסֶף תַּחְתֶּיהָ׃
כב וַיִּשְׁלַח יְהוֹשֻׁעַ מַלְאָכִים וַיָּרֻצוּ הָאֹהֱלָה וְהִנֵּה טְמוּנָה
כג בְּאָהֳלוֹ וְהַכֶּסֶף תַּחְתֶּיהָ׃ וַיִּקָּחוּם מִתּוֹךְ הָאֹהֶל וַיְבִאוּם
אֶל־יְהוֹשֻׁעַ וְאֶל כָּל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיַּצִּקֻם לִפְנֵי יְהוָה׃
כד וַיִּקַּח יְהוֹשֻׁעַ אֶת־עָכָן בֶּן־זֶרַח וְאֶת־הַכֶּסֶף וְאֶת־הָאַדֶּרֶת
וְאֶת־לְשׁוֹן הַזָּהָב וְאֶת־בָּנָיו וְאֶת־בְּנֹתָיו וְאֶת־שׁוֹרוֹ וְאֶת־
חֲמֹרוֹ וְאֶת־צֹאנוֹ וְאֶת־אָהֳלוֹ וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר־לוֹ וְכָל־
כה יִשְׂרָאֵל עִמּוֹ וַיַּעֲלוּ אֹתָם עֵמֶק עָכוֹר׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ מֶה
עֲכַרְתָּנוּ יַעְכָּרְךָ יְהוָה בַּיּוֹם הַזֶּה וַיִּרְגְּמוּ אֹתוֹ כָל־יִשְׂרָאֵל
כו אֶבֶן וַיִּשְׂרְפוּ אֹתָם בָּאֵשׁ וַיִּסְקְלוּ אֹתָם בָּאֲבָנִים׃ וַיָּקִימוּ
עָלָיו גַּל־אֲבָנִים גָּדוֹל עַד הַיּוֹם הַזֶּה וַיָּשָׁב יְהוָה מֵחֲרוֹן
אַפּוֹ עַל־כֵּן קָרָא שֵׁם הַמָּקוֹם הַהוּא עֵמֶק עָכוֹר עַד
הַיּוֹם הַזֶּה׃

## ח

א וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ אַל־תִּירָא וְאַל־תֵּחָת קַח עִמְּךָ
אֵת כָּל־עַם הַמִּלְחָמָה וְקוּם עֲלֵה הָעָי רְאֵה ׀ נָתַתִּי בְיָדְךָ

ז, כא׳ וארא ק   ח, א׳ קמץ בז״ק

## ח

[1] און גאָט האָט געזאָגט צו יהושוען: זאָלסט ניט מורא האָבן און ניט אַנגסטן; נעם מיט דיר דאָס גאַנצע מלחמה־פאָלק, און שטיי אויף, גיי אַרויף אויף עַי; זע, איך האָב געגעבן אין דיין האַנט דעם מלך פון עַי, און זיין פאָלק,

[א] פאַראומגליקן.

אֶת־מֶלֶךְ הָעַי וְאֶת־עַמּוֹ וְאֶת־עִירוֹ וְאֶת־אַרְצוֹ׃ וְעָשִׂיתָ ב
לָעַי וּלְמַלְכָּהּ כַּאֲשֶׁר עָשִׂיתָ לִירִיחוֹ וּלְמַלְכָּהּ רַק־שְׁלָלָהּ
וּבְהֶמְתָּהּ תָּבֹזּוּ לָכֶם שִׂים־לְךָ אֹרֵב לָעִיר מֵאַחֲרֶיהָ׃ וַיָּקָם ג
יְהוֹשֻׁעַ וְכָל־עַם הַמִּלְחָמָה לַעֲלוֹת הָעָי וַיִּבְחַר יְהוֹשֻׁעַ
שְׁלֹשִׁים אֶלֶף אִישׁ גִּבּוֹרֵי הַחַיִל וַיִּשְׁלָחֵם לָיְלָה׃ וַיְצַו ד
אֹתָם לֵאמֹר רְאוּ אַתֶּם אֹרְבִים לָעִיר מֵאַחֲרֵי הָעִיר אַל־
תַּרְחִיקוּ מִן־הָעִיר מְאֹד וִהְיִיתֶם כֻּלְּכֶם נְכֹנִים׃ וַאֲנִי וְכָל־ ה
הָעָם אֲשֶׁר אִתִּי נִקְרַב אֶל־הָעִיר וְהָיָה כִּי־יֵצְאוּ לִקְרָאתֵנוּ
כַּאֲשֶׁר בָּרִאשֹׁנָה וְנַסְנוּ לִפְנֵיהֶם׃ וְיָצְאוּ אַחֲרֵינוּ עַד ו
הַתִּיקֵנוּ אוֹתָם מִן־הָעִיר כִּי יֹאמְרוּ נָסִים לְפָנֵינוּ כַּאֲשֶׁר
בָּרִאשֹׁנָה וְנַסְנוּ לִפְנֵיהֶם׃ וְאַתֶּם תָּקֻמוּ מֵהָאוֹרֵב וְהוֹרַשְׁתֶּם ז
אֶת־הָעִיר וּנְתָנָהּ יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם בְּיֶדְכֶם׃ וְהָיָה כְּתָפְשְׂכֶם ח
אֶת־הָעִיר תַּצִּיתוּ אֶת־הָעִיר בָּאֵשׁ כִּדְבַר יְהוָה תַּעֲשׂוּ רְאוּ
צִוִּיתִי אֶתְכֶם׃ וַיִּשְׁלָחֵם יְהוֹשֻׁעַ וַיֵּלְכוּ אֶל־הַמַּאְרָב וַיֵּשְׁבוּ ט
בֵּין בֵּית־אֵל וּבֵין הָעַי מִיָּם לָעָי וַיָּלֶן יְהוֹשֻׁעַ בַּלַּיְלָה הַהוּא
בְּתוֹךְ הָעָם׃ וַיַּשְׁכֵּם יְהוֹשֻׁעַ בַּבֹּקֶר וַיִּפְקֹד אֶת־הָעָם י
וַיַּעַל הוּא וְזִקְנֵי יִשְׂרָאֵל לִפְנֵי הָעָם הָעָי׃ וְכָל־הָעָם יא
הַמִּלְחָמָה אֲשֶׁר אִתּוֹ עָלוּ וַיִּגְּשׁוּ וַיָּבֹאוּ נֶגֶד הָעִיר וַיַּחֲנוּ
מִצְּפוֹן לָעַי וְהַגַּי בֵּינוֹ וּבֵין הָעָי׃ וַיִּקַּח כַּחֲמֵשֶׁת אֲלָפִים יב
אִישׁ וַיָּשֶׂם אוֹתָם אֹרֵב בֵּין בֵּית־אֵל וּבֵין הָעַי מִיָּם לָעִיר׃
וַיָּשִׂימוּ הָעָם אֶת־כָּל־הַמַּחֲנֶה אֲשֶׁר מִצְּפוֹן לָעִיר וְאֶת־ יג
עֲקֵבוֹ מִיָּם לָעִיר וַיֵּלֶךְ יְהוֹשֻׁעַ בַּלַּיְלָה הַהוּא בְּתוֹךְ הָעֵמֶק׃
וַיְהִי כִּרְאוֹת מֶלֶךְ־הָעַי וַיְמַהֲרוּ וַיַּשְׁכִּימוּ וַיֵּצְאוּ אַנְשֵׁי־הָעִיר יד
לִקְרַאת־יִשְׂרָאֵל לַמִּלְחָמָה הוּא וְכָל־עַמּוֹ לַמּוֹעֵד לִפְנֵי
הָעֲרָבָה וְהוּא לֹא יָדַע כִּי־אֹרֵב לוֹ מֵאַחֲרֵי הָעִיר׃ וַיִּנָּגְעוּ טו
יְהוֹשֻׁעַ וְכָל־יִשְׂרָאֵל לִפְנֵיהֶם וַיָּנֻסוּ דֶּרֶךְ הַמִּדְבָּר׃ וַיִּזָּעֲקוּ טז
כָּל־הָעָם אֲשֶׁר בָּעִיר לִרְדֹּף אַחֲרֵיהֶם וַיִּרְדְּפוּ אַחֲרֵי יְהוֹשֻׁעַ

יא בינו ק   יב׳ לעי ק   יג׳ כ״א וילן   טז׳ בעי קרי

און זיין שטאָט, און זיין לאַנד. 2 און זאָלסט טאָן צו עַי און צו איר מלך, אַזוי ווי דו האָסט געטאָן צו יריחו און צו איר מלך; נאָר איר זאַקרויב און אירע בהמות זאָלט איר רויבן פאַר אײַך. שטעל דיר לויערער אויף דער שטאָט פון הינטער איר.

3 איז אויפגעשטאַנען יהושע, און דאָס גאַנצע מלחמה־פאָלק, אַרויפצוגיין אויף עַי; און יהושע האָט אויסגעוויילט דרייסיק טויזנט מאַן העלדישע גיבורים, און האָט זיי אַוועקגעשיקט בײַ נאַכט. 4 און ער האָט זיי באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: זעט, איר זאָלט לויערן אויף דער שטאָט פון הינטער דער שטאָט; איר זאָלט זיך ניט דער־ווײַטערן זייער פון דער שטאָט, און זייט אַלע אָנגעברייט. 5 און איך און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס מיט מיר וועלן גענענען צו דער שטאָט; און עס וועט זיין, אַז זיי וועלן אַרויסגיין אַקעגן אונדז, אַזוי ווי צוערשט, וועלן מיר אַנט־לויפן פאַר זיי. 6 און זיי וועלן אַרויסגיין נאָך אונדז, ביז מיר וועלן זיי אַוועקציען פון דער שטאָט, וואָרום זיי וועלן זאָגן: זיי אַנטלויפן פאַר אונדז אַזוי ווי צוערשט; און מיר וועלן אַנטלויפן פאַר זיי. 7 און איר וועט אויפשטיין פון דער לויער, און וועט פאַרנעמען די שטאָט, און יהוה אײַער גאָט וועט זי געבן אין אײַער האַנט. 8 און עס וועט זיין, ווי איר פאַרכאַפּט די שטאָט, זאָלט איר אָנצינדן די שטאָט אין פייער; אַזוי ווי דאָס וואָרט פון גאָט זאָלט איר טאָן; זעט, איך האָב אײַך באַפוילן.

9 און יהושע האָט זיי געשיקט, און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען צו דעם לויעראָרט, און זיינען געזעסן צווישן בית־אל און צווישן עַי, אין מערב פון עַי. און יהושע האָט גענעכטיקט יענע נאַכט צווישן דעם פאָלק.

10 און יהושע האָט זיך געפעדערט אין דער פרי, און האָט איבערגעציילט דאָס פאָלק, און ער און די עלטסטע פון פאָלק זיינען אַרויפגעגאַנגען פאַרויס פאַרן פאָלק אויף עַי. 11 און דאָס גאַנצע מלחמה־פאָלק וואָס מיט אים איז אַרויפגעגאַנגען, און זיי האָבן גענענט, און זיינען געקומען אַקעגן דער שטאָט, און האָבן געלאַגערט אין צפון פון עַי; און דער טאָל איז געווען צווישן אים און צווישן עַי. 12 און ער האָט גענומען אַרום פינף טויזנט מאַן, און האָט זיי געשטעלט פאַר לויערער צווישן בית־אל און צווישן עַי, אין מערב פון עַי. 13 אַזוי האָבן זיי אויסגעשטעלט דאָס פאָלק, די גאַנצע מחנה וואָס אין צפון פון דער שטאָט, און זייער הינטער־חיל אין מערב פון דער שטאָט. און יהושע איז געגאַנגען אין יענער נאַכט אין מיטן טאָל.

14 און עס איז געווען, ווי דער מלך פון עַי האָט דערזען, אַזוי האָבן די מענטשן פון דער שטאָט זיך געאײַלט, און זיי האָבן זיך געפעדערט, און זיינען אַרויסגעגאַנגען אַקעגן ישראל אויף מלחמה, ער און זיין גאַנץ פאָלק, אין דער אָפּגע־רעדטער צייט, פאַר דעם פלוין, און ער האָט ניט געוווּסט אַז לויערער זיינען אויף אים פון הינטער דער שטאָט. 15 און יהושע און גאַנץ ישראל האָבן זיך געמאַכט ווי געשלאָגן פאַר זיי, און זיינען אַנטלאָפן אויפן וועג פון מדבר.

16 און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס אין עַי איז צונויפגערופן געוואָרן, זיי נאָכצויאָגן; און זיי האָבן נאָכגעיאָגט יהושען,

און זיינען אַוועקגעצויגן געוואָרן פֿון דער שטאָט. [17] און עס איז ניט געבליבן אַ מענטש אין עַי און אין בֵית־אֵל, וואָס איז ניט אַרויסגעגאַנגען נאָך ישׂראל; און זיי האָבן געלאָזט די שטאָט אָפֿן, און נאָכגעיאָגט ישׂראל.

[18] האָט גאָט געזאָגט צו יהושוען: שטרעק אויס דעם שפּיז וואָס אין דיין האַנט אַקעגן דער שטאָט עַי, וואָרום אין דיין האַנט וועל איך זי געבן. און יהושע האָט אויסגעשטרעקט דעם שפּיז וואָס אין זיין האַנט אַקעגן דער שטאָט. [19] און די לויערער זיינען אויפֿגעשטאַנען אויף גיך פֿון זייער אָרט, און זיי זיינען געלאָפֿן ווי ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט, און זיינען אַריין אין דער שטאָט, און האָבן די באַצוווּנגען; און זיי האָבן געאײַלט און האָבן אָנגעצונדן די שטאָט אין פֿייער. [20] און די מענטשן פֿון עַי האָבן זיך אומגעקערט הינטער זיך, און דערזען, ערשט דער רויך פֿון דער שטאָט איז אַרויף צום הימל, און זיי האָבן ניט געהאַט אין זיך כּוח צו לויפֿן אַהין אָדער אַהער. און דאָס פֿאָלק וואָס איז אַנטלאָפֿן צום מדבר, האָט זיך אומגעקערט אויף די נאָכיאָגער. [21] און ווי יהושע און גאַנץ ישׂראל האָבן געזען אַז די לויערער האָבן באַצוווּנגען די שטאָט, און אַז דער רויך פֿון דער שטאָט איז אויפֿגעגאַנגען, אַזוי האָבן זיי זיך אומגעקערט, און האָבן געשלאָגן די מענטשן פֿון עַי. [22] און יענע זיינען אַרויסגעגאַנגען פֿון דער שטאָט אַקעגן זיי, אַזוי אַז זיי זיינען געווען אין מיטן פֿון ישׂראל, די אויף דע׳ר זייט, און די אויף יענער זייט. און זיי האָבן זיי געשלאָגן ביז זיי ניט איבערצולאָזן אַ געבליבענעם אָדער אַנטרונענעם. [23] און דעם מלך פֿון עַי האָבן זיי געכאַפּט אַ לעבעדיקן, און אים געבראַכט צו יהושוען.

[24] און עס איז געווען, אַז די ישׂראל האָבן געענדיקט אויסהרגענען אַלע באַוווינער פֿון עַי, אויפֿן פֿעלד אין דעם מדבר וואָס זיי האָבן זיי נאָכגעיאָגט אין אים, און זיי זיינען אַלע געפֿאַלן דורכן שאַרף פֿון שווערד ביז זיי זיינען פֿאַרלענדט געוואָרן, האָבן גאַנץ ישׂראל זיך אומגעקערט קיין עַי, און האָבן זי געשלאָגן מיטן שאַרף פֿון שווערד. [25] און אַלע וואָס זיינען געפֿאַלן אין יענעם טאָג, פֿון אַ מאַן ביז אַ פֿרוי, זיינען געווען צוועלף טויזנט; אַלע מענטשן פֿון עַי. [26] און יהושע האָט ניט צוריקגעצויגן זיין האַנט וואָס ער האָט אויסגעשטרעקט מיטן שפּיז, ביז ער האָט פֿאַרוויסט אַלע באַוווינער פֿון עַי. [27] נאָר די בהמות און דעם זאַקרויב פֿון יענער שטאָט האָבן די ישׂראל גערויבט פֿאַר זיך, אַזוי ווי דאָס וואָרט פֿון גאָט וואָס ער האָט באַפֿוילן יהושוען. [28] און יהושע האָט פֿאַרברענט עַי, און האָט זי געמאַכט פֿאַר אַן אייביקן חורבה־הויפֿן, אַ וויסטעניש ביז אויף הײַנטיקן טאָג. [29] און דעם מלך פֿון עַי האָט ער אויפֿגעהאַנגען אויף אַ בוים ביז אָוונטצײַט; און ווי די זון איז אונטערגעגאַנגען, האָט יהושע באַפֿוילן, און מע האָט אַראָפּגענומען זיין טויטן לײַב פֿון דעם בוים, און אים אַוועקגעוואָרפֿן פֿאַר דעם אײַנגאַנג פֿון דעם שטאָטטויער, און מע האָט אויפֿגעשטעלט איבער אים אַ גרויסן הויפֿן שטיינער [וואָס שטייט] ביז אויף הײַנטיקן טאָג.

[30] דעמאָלט האָט יהושע געבויט אַ מזבח צו יהוה דעם גאָט פֿון ישׂראל אויפֿן באַרג עֵיבָל, [31] אַזוי ווי משה דער

יז וַיִּנָּתְקוּ מִן־הָעִיר׃ וְלֹא־נִשְׁאַר אִישׁ בָּעַי וּבֵית אֵל אֲשֶׁר
לֹא־יָצְאוּ אַחֲרֵי יִשְׂרָאֵל וַיַּעַזְבוּ אֶת־הָעִיר פְּתוּחָה וַיִּרְדְּפוּ
יח אַחֲרֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ נְטֵה בַּכִּידוֹן
אֲשֶׁר־בְּיָדְךָ אֶל־הָעַי כִּי בְיָדְךָ אֶתְּנֶנָּה וַיֵּט יְהוֹשֻׁעַ בַּכִּידוֹן
יט אֲשֶׁר־בְּיָדוֹ אֶל־הָעִיר׃ וְהָאוֹרֵב קָם מְהֵרָה מִמְּקוֹמוֹ
וַיָּרוּצוּ כִּנְטוֹת יָדוֹ וַיָּבֹאוּ הָעִיר וַיִּלְכְּדוּהָ וַיְמַהֲרוּ וַיַּצִּיתוּ
כ אֶת־הָעִיר בָּאֵשׁ׃ וַיִּפְנוּ אַנְשֵׁי הָעַי אַחֲרֵיהֶם וַיִּרְאוּ וְהִנֵּה
עָלָה עֲשַׁן הָעִיר הַשָּׁמַיְמָה וְלֹא־הָיָה בָהֶם יָדַיִם לָנוּס הֵנָּה
כא וָהֵנָּה וְהָעָם הַנָּס הַמִּדְבָּר נֶהְפַּךְ אֶל־הָרוֹדֵף׃ וִיהוֹשֻׁעַ
וְכָל־יִשְׂרָאֵל רָאוּ כִּי־לָכַד הָאֹרֵב אֶת־הָעִיר וְכִי עָלָה
כב עֲשַׁן הָעִיר וַיָּשֻׁבוּ וַיַּכּוּ אֶת־אַנְשֵׁי הָעָי׃ וְאֵלֶּה יָצְאוּ מִן־
הָעִיר לִקְרָאתָם וַיִּהְיוּ לְיִשְׂרָאֵל בַּתָּוֶךְ אֵלֶּה מִזֶּה וְאֵלֶּה
מִזֶּה וַיַּכּוּ אוֹתָם עַד־בִּלְתִּי הִשְׁאִיר־לוֹ שָׂרִיד וּפָלִיט׃
כג כד וְאֶת־מֶלֶךְ הָעַי תָּפְשׂוּ חָי וַיַּקְרִבוּ אֹתוֹ אֶל־יְהוֹשֻׁעַ׃ וַיְהִי
כְּכַלּוֹת יִשְׂרָאֵל לַהֲרֹג אֶת־כָּל־יֹשְׁבֵי הָעַי בַּשָּׂדֶה בַּמִּדְבָּר
אֲשֶׁר רְדָפוּם בּוֹ וַיִּפְּלוּ כֻלָּם לְפִי־חֶרֶב עַד־תֻּמָּם
כה וַיָּשֻׁבוּ כָל־יִשְׂרָאֵל הָעַי וַיַּכּוּ אֹתָהּ לְפִי־חָרֶב׃ וַיְהִי כָל־
הַנֹּפְלִים בַּיּוֹם הַהוּא מֵאִישׁ וְעַד־אִשָּׁה שְׁנֵים עָשָׂר אֶלֶף
כו כֹּל אַנְשֵׁי הָעָי׃ וִיהוֹשֻׁעַ לֹא־הֵשִׁיב יָדוֹ אֲשֶׁר נָטָה בַּכִּידוֹן
כז עַד אֲשֶׁר הֶחֱרִים אֵת כָּל־יֹשְׁבֵי הָעָי׃ רַק הַבְּהֵמָה וּשְׁלַל
הָעִיר הַהִיא בָּזְזוּ לָהֶם יִשְׂרָאֵל כִּדְבַר יְהוָה אֲשֶׁר צִוָּה
כח אֶת־יְהוֹשֻׁעַ׃ וַיִּשְׂרֹף יְהוֹשֻׁעַ אֶת־הָעָי וַיְשִׂימֶהָ תֵּל־עוֹלָם
כט שְׁמָמָה עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וְאֶת־מֶלֶךְ הָעַי תָּלָה עַל־הָעֵץ עַד־
עֵת הָעָרֶב וּכְבוֹא הַשֶּׁמֶשׁ צִוָּה יְהוֹשֻׁעַ וַיֹּרִידוּ אֶת־נִבְלָתוֹ
מִן־הָעֵץ וַיַּשְׁלִיכוּ אוֹתָהּ אֶל־פֶּתַח שַׁעַר הָעִיר וַיָּקִימוּ עָלָיו
ל גַּל־אֲבָנִים גָּדוֹל עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ אָז יִבְנֶה יְהוֹשֻׁעַ מִזְבֵּחַ
לא לַיהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל בְּהַר עֵיבָל׃ כַּאֲשֶׁר צִוָּה מֹשֶׁה

כב׳ כ״א ל׳ כד׳ פסקא באמצע פסוק

עֶבֶד־יְהֹוָה אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כַּכָּתוּב בְּסֵפֶר תּוֹרַת מֹשֶׁה
מִזְבַּח אֲבָנִים שְׁלֵמוֹת אֲשֶׁר לֹא־הֵנִיף עֲלֵיהֶן בַּרְזֶל וַיַּעֲלוּ
עָלָיו עֹלוֹת לַיהֹוָה וַיִּזְבְּחוּ שְׁלָמִים׃ וַיִּכְתָּב־שָׁם עַל־הָאֲבָנִים לב
אֵת מִשְׁנֵה תּוֹרַת מֹשֶׁה אֲשֶׁר כָּתַב לִפְנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וְכָל־ לג
יִשְׂרָאֵל וּזְקֵנָיו וְשֹׁטְרִים ׀ וְשֹׁפְטָיו עֹמְדִים מִזֶּה ׀ וּמִזֶּה ׀
לָאָרוֹן נֶגֶד הַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם נֹשְׂאֵי ׀ אֲרוֹן בְּרִית־יְהֹוָה כַּגֵּר
כָּאֶזְרָח חֶצְיוֹ אֶל־מוּל הַר־גְּרִזִים וְהַחֶצְיוֹ אֶל־מוּל הַר־עֵיבָל
כַּאֲשֶׁר צִוָּה מֹשֶׁה עֶבֶד־יְהֹוָה לְבָרֵךְ אֶת־הָעָם יִשְׂרָאֵל
בָּרִאשֹׁנָה׃ וְאַחֲרֵי־כֵן קָרָא אֶת־כָּל־דִּבְרֵי הַתּוֹרָה הַבְּרָכָה לד
וְהַקְּלָלָה כְּכָל־הַכָּתוּב בְּסֵפֶר הַתּוֹרָה׃ לֹא־הָיָה דָבָר מִכֹּל לה
אֲשֶׁר־צִוָּה מֹשֶׁה אֲשֶׁר לֹא־קָרָא יְהוֹשֻׁעַ נֶגֶד כָּל־קְהַל
יִשְׂרָאֵל וְהַנָּשִׁים וְהַטַּף וְהַגֵּר הַהֹלֵךְ בְּקִרְבָּם׃

ט

וַיְהִי כִשְׁמֹעַ כָּל־הַמְּלָכִים אֲשֶׁר בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן בָּהָר א
וּבַשְּׁפֵלָה וּבְכֹל חוֹף הַיָּם הַגָּדוֹל אֶל־מוּל הַלְּבָנוֹן הַחִתִּי
וְהָאֱמֹרִי הַכְּנַעֲנִי הַפְּרִזִּי הַחִוִּי וְהַיְבוּסִי׃ וַיִּתְקַבְּצוּ יַחְדָּו ב
לְהִלָּחֵם עִם־יְהוֹשֻׁעַ וְעִם־יִשְׂרָאֵל פֶּה אֶחָד׃ וְיֹשְׁבֵי ג
גִבְעוֹן שָׁמְעוּ אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה יְהוֹשֻׁעַ לִירִיחוֹ וְלָעָי׃ וַיַּעֲשׂוּ ד
גַם־הֵמָּה בְּעָרְמָה וַיֵּלְכוּ וַיִּצְטַיָּרוּ וַיִּקְחוּ שַׂקִּים בָּלִים
לַחֲמוֹרֵיהֶם וְנֹאדוֹת יַיִן בָּלִים וּמְבֻקָּעִים וּמְצֹרָרִים׃ וּנְעָלוֹת ה
בָּלוֹת וּמְטֻלָּאוֹת בְּרַגְלֵיהֶם וּשְׂלָמוֹת בָּלוֹת עֲלֵיהֶם וְכֹל
לֶחֶם צֵידָם יָבֵשׁ הָיָה נִקֻּדִים׃ וַיֵּלְכוּ אֶל־יְהוֹשֻׁעַ אֶל־ ו
הַמַּחֲנֶה הַגִּלְגָּל וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו וְאֶל־אִישׁ יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ
רְחוֹקָה בָּאנוּ וְעַתָּה כִּרְתוּ־לָנוּ בְרִית׃ וַיֹּאמְרוּ אִישׁ־ ז
יִשְׂרָאֵל אֶל־הַחִוִּי אוּלַי בְּקִרְבִּי אַתָּה יוֹשֵׁב וְאֵיךְ אֶכְרָות־
לְךָ בְרִית׃ וַיֹּאמְרוּ אֶל־יְהוֹשֻׁעַ עֲבָדֶיךָ אֲנָחְנוּ וַיֹּאמֶר ח
אֲלֵיהֶם יְהוֹשֻׁעַ מִי אַתֶּם וּמֵאַיִן תָּבֹאוּ׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו ט

ט, ז׳ ויאמר קרי    יתיר ו

קנעכט פון גאָט האָט באַפוילן די קינדער פון ישראל, ווי עס שטייט געשריבן אין בוך פון תורת־משה; אַ מזבח פון גאַנצע שטיינער, וואָס מע האָט אויף זיי ניט אויפגע־הויבן אַן אײַזן. און זיי האָבן אויפגעבראַכט אויף אים בראַנדאָפּפער צו גאָט, און געשלאַכט פרידאָפּפער. [32] און ער האָט דאָרטן אויפגעשריבן אויף די שטיינער אַן איבערחזרונג פון תורת־משה, וואָס ער האָט געשריבן אין אָנגעזיכט פון די קינדער פון ישראל. [33] און גאַנץ ישראל, און זייערע עלטסטע און אויפזעער, און זייערע ריכטער, זיינען געשטאַנען פון דער זייט און פון יענער זייט פון אָרון, פאַר די כהנים פון שבט לֵוִי וואָס האָבן געטראָגן דעם אָרון פון גאָטס בונד—אַזוי דער פרעמדער ווי דער אײַנגעבאָרענער, העלפט פון זיי אַקעגן באַרג גְרִזים, און העלפט פון זיי אַקעגן באַרג עֵיבָל, אַזוי ווי משה דער קנעכט פון גאָט האָט פון פריער באַפוילן, צו בענטשן דאָס פאָלק ישראל. [34] און דערנאָך האָט ער געלייענט אַלע ווערטער פון דער תורה, די ברכה און די קללה, אַזוי ווי אַלץ וואָס שטייט געשריבן אין בוך פון דער תורה. [35] ניט געווען אַ וואָרט פון אַלץ וואָס משה האָט באַפוילן, וואָס יהושוע האָט ניט געלייענט פאַר דער גאַנצער אײַנ־זאַמלונג פון ישראל, און די ווייבער, און די קליינע קינ־דער, און דעם פרעמדן וואָס איז מיטגעגאַנגען צווישן זיי.

ט [1] און עס איז געווען, אַז אַלע מלכים וואָס אויף דער זייט יַרדן, אין דעם געבערג, און אין דער נידערונג, און אויף דעם גאַנצן ברעג פון יַם־הַגָדול, אַקעגן לְבָנון, דער חִתּי, און דער אֱמוֹרי, דער כְּנַעֲני, דער פְּרִזי, דער חִוִי, און דער יבוסי, האָבן דערהערט, [2] אַזוי האָבן זיי זיך אײַנגעזאַמלט אין איינעם, מלחמה צו האַלטן מיט יהושוען און מיט ישראל, מיט איין מויל.

[3] און די באַוווינער פון גִבעוֹן האָבן געהערט וואָס יהושוע האָט געטאָן צו יריחו און צו עַי; [4] און זיי אויך האָבן געטאָן מיט ליסטיקייט, און זיינען געגאַנגען און האָבן זיך פאַרשטעלט; און זיי האָבן גענומען אָפּגעניצטע זעק פאַר זייערע אייזלען, און אָפּגעניצטע און צעשפּאָלטענע און צונויפגעבונדענע ווײַנלאָגלען, [5] און אָפּגעטראָגענע און פאַרלאַטעטע שיך אויף זייערע פיס, און אָפּגעטראָגענע קליידער אויף זיך; און דאָס גאַנצע ברויט פון זייער צערונג איז געווען פאַרטריקנט אויף ברעקלעך. [6] און זיי זיינען געגאַנגען צו יהושוען אין לאַגער קיין גִלגָל, און האָבן געזאָגט צו אים און צו די מענער פון ישראל: פון אַ ווייטן לאַנד זיינען מיר געקומען, און אַצונד שליסט אונדז אַ בונד.

[7] האָבן די מענער פון ישראל געזאָגט צו דעם חִוִי: אפשר זיצסטו צווישן אונדז, און ווי קען איך דיר שליסן אַ בונד?

[8] האָבן זיי געזאָגט צו יהושוען: דיינע קנעכט זיינען מיר. האָט יהושוע צו זיי געזאָגט: ווער זייט איר? און פון וואַנען קומט איר?

9 האָבן זיי צו אים געזאָגט: פון זייער אַ ווייטן לאַנד זײַנען געקומען דײַנע קנעכט, צוליב דעם נאָמען פון יהוה דײַן גאָט; וואָרום מיר האָבן געהערט זײַן הערונג, און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן אין מִצרַיִם, 10 און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן צו די צוויי מלכים פון דעם אֱמוֹרי וואָס אויף יענער זײַט יַרדן, צו סיחון דעם מלך פון חֶשבּוֹן, און צו עוֹג דעם מלך פון בָּשָן וואָס אין עַשתָּרוֹת. 11 האָבן צו אונדז גע־זאָגט אונדזערע עלטסטע, און אַלע באַוווינער פון אונדזער לאַנד, אַזוי צו זאָגן: נעמט מיט זיך צערונג אויפן וועג, און גייט זיי אַנטקעגן, און איר זאָלט זאָגן צו זיי: אײַערע קנעכט זײַנען מיר; און אַצונד שליסט אונדז אַ בונד. 12 דאָס־דאָזיקע ברויט אונדזערס—וואַרעמערהייט האָבן מיר זיך פאַרשפּײַזט דערמיט פון אונדזערע הײַזער, אין דעם טאָג וואָס מיר זײַנען אַרויס צו גיין צו אײַך, און אַצונד אָט איז עס פאַרטריקנט, און געוואָרן ברעקלעך. און דידאָזיקע ווײַנלאָגלען, וואָס מיר האָבן אָנגעפילט, זײַנען געווען נײַ, און אָט זײַנען זיי צעשפּאָלטן געוואָרן, און דידאָזיקע קליידער און שיך אונדזערע זײַנען אָפּגעטראָגן געוואָרן פון זייער פיל וועג.

14 און די מענער האָבן גענומען פון זייער צערונג, און גאָטס מויל האָבן זיי ניט געפרעגט. 15 און יהושוע האָט געמאַכט שלום מיט זיי, און זיי געשלאָסן אַ בונד, זיי צו לאָזן לעבן. און די פירשטן פון דער עדה האָבן זיי געשוואָרן.

מֵאֶרֶץ רְחוֹקָה מְאֹד בָּאוּ עֲבָדֶיךָ לְשֵׁם יְהוָה אֱלֹהֶיךָ כִּי־
י שָׁמַעְנוּ שָׁמְעוֹ וְאֵת כָּל־אֲשֶׁר עָשָׂה בְּמִצְרָיִם׃ וְאֵת ׀
כָּל־אֲשֶׁר עָשָׂה לִשְׁנֵי מַלְכֵי הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן
לְסִיחוֹן מֶלֶךְ חֶשְׁבּוֹן וּלְעוֹג מֶלֶךְ־הַבָּשָׁן אֲשֶׁר בְּעַשְׁתָּרוֹת׃
יא וַיֹּאמְרוּ אֵלֵינוּ זְקֵינֵינוּ וְכָל־יֹשְׁבֵי אַרְצֵנוּ לֵאמֹר קְחוּ
בְיֶדְכֶם צֵידָה לַדֶּרֶךְ וּלְכוּ לִקְרָאתָם וַאֲמַרְתֶּם אֲלֵיהֶם
יב עַבְדֵיכֶם אֲנַחְנוּ וְעַתָּה כִּרְתוּ־לָנוּ בְרִית׃ זֶה ׀ לַחְמֵנוּ חָם
הִצְטַיַּדְנוּ אֹתוֹ מִבָּתֵּינוּ בְּיוֹם צֵאתֵנוּ לָלֶכֶת אֲלֵיכֶם וְעַתָּה
יג הִנֵּה יָבֵשׁ וְהָיָה נִקֻּדִים׃ וְאֵלֶּה נֹאדוֹת הַיַּיִן אֲשֶׁר מִלֵּאנוּ
חֲדָשִׁים וְהִנֵּה הִתְבַּקָּעוּ וְאֵלֶּה שַׂלְמוֹתֵינוּ וּנְעָלֵינוּ בָּלוּ
יד מֵרֹב הַדֶּרֶךְ מְאֹד׃ וַיִּקְחוּ הָאֲנָשִׁים מִצֵּידָם וְאֶת־פִּי
טו יְהוָה לֹא שָׁאָלוּ׃ וַיַּעַשׂ לָהֶם יְהוֹשֻׁעַ שָׁלוֹם וַיִּכְרֹת לָהֶם
טז בְּרִית לְחַיּוֹתָם וַיִּשָּׁבְעוּ לָהֶם נְשִׂיאֵי הָעֵדָה׃ וַיְהִי מִקְצֵה
שְׁלֹשֶׁת יָמִים אַחֲרֵי אֲשֶׁר־כָּרְתוּ לָהֶם בְּרִית וַיִּשְׁמְעוּ כִּי־
יז קְרֹבִים הֵם אֵלָיו וּבְקִרְבּוֹ הֵם יֹשְׁבִים׃ וַיִּסְעוּ בְנֵי־
יִשְׂרָאֵל וַיָּבֹאוּ אֶל־עָרֵיהֶם בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי וְעָרֵיהֶם גִּבְעוֹן
יח וְהַכְּפִירָה וּבְאֵרוֹת וְקִרְיַת יְעָרִים׃ וְלֹא הִכּוּם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
כִּי־נִשְׁבְּעוּ לָהֶם נְשִׂיאֵי הָעֵדָה בַּיהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
יט וַיִּלֹּנוּ כָל־הָעֵדָה עַל־הַנְּשִׂיאִים׃ וַיֹּאמְרוּ כָל־הַנְּשִׂיאִים
אֶל־כָּל־הָעֵדָה אֲנַחְנוּ נִשְׁבַּעְנוּ לָהֶם בַּיהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
כ וְעַתָּה לֹא נוּכַל לִנְגֹּעַ בָּהֶם׃ זֹאת נַעֲשֶׂה לָהֶם וְהַחֲיֵה
אוֹתָם וְלֹא־יִהְיֶה עָלֵינוּ קֶצֶף עַל־הַשְּׁבוּעָה אֲשֶׁר־נִשְׁבַּעְנוּ
כא לָהֶם׃ וַיֹּאמְרוּ אֲלֵיהֶם הַנְּשִׂיאִים יִחְיוּ וַיִּהְיוּ חֹטְבֵי עֵצִים
וְשֹׁאֲבֵי־מַיִם לְכָל־הָעֵדָה כַּאֲשֶׁר דִּבְּרוּ לָהֶם הַנְּשִׂיאִים׃
כב וַיִּקְרָא לָהֶם יְהוֹשֻׁעַ וַיְדַבֵּר אֲלֵיהֶם לֵאמֹר לָמָּה רִמִּיתֶם
אֹתָנוּ לֵאמֹר רְחוֹקִים אֲנַחְנוּ מִכֶּם מְאֹד וְאַתֶּם בְּקִרְבֵּנוּ
כג יֹשְׁבִים׃ וְעַתָּה אֲרוּרִים אַתֶּם וְלֹא־יִכָּרֵת מִכֶּם עֶבֶד
כד וְחֹטְבֵי עֵצִים וְשֹׁאֲבֵי־מַיִם לְבֵית אֱלֹהָי׃ וַיַּעֲנוּ אֶת־

16 און עס איז געווען צום סוֹף פון דרײַ טעג נאָכדעם ווי זיי האָבן זיי געשלאָסן אַ בונד, האָבן זיי געהערט אַז זיי זײַנען נאָענט צו זיי, און אַז זיי זיצן צווישן זיי. 17 און די קינדער פון ישׂראל האָבן געצויגן, און זײַנען געקומען אין זייערע שטעט אויפן דריטן טאָג. און זייערע שטעט זײַנען געווען גִבעוֹן, און כּפירָה, און בּאֵרוֹת, און קִריַת־יעָרים. 18 אָבער די קינדער פון ישׂראל האָבן זיי ניט געשלאָגן, ווײַל די פירשטן פון דער עדה האָבן זיי געשוואָרן בײַ יהוה דעם גאָט פון ישׂראל. און די גאַנצע עדה האָט געמורמלט אויף די פירשטן.

19 האָבן אַלע פירשטן געזאָגט צו דער גאַנצער עדה: מיר האָבן זיי געשוואָרן בײַ יהוה דעם גאָט פון ישׂראל, און מיר טאָרן זיי אַצונד ניט אָנרירן. 20 דאָס מוזן מיר זיי טאָן, און זיי לאָזן לעבן, כּדי אויף אונדז זאָל ניט זײַן אַ צאָרן פון וועגן דער שבועה וואָס מיר האָבן זיי געשוואָרן. 21 און די פירשטן האָבן אָנגעזאָגט וועגן זיי: זאָלן זיי בלײַבן לעבן. און זיי זײַנען געוואָרן האָלצהעקער און וואַסערשעפּער פאַר דער גאַנצער עדה, אַזוי ווי די פירשטן האָבן געהייסן וועגן זיי.

22 און יהושוע האָט זיי גערופן, און האָט צו זיי גערעדט, אַזוי צו זאָגן: פאַרוואָס האָט איר אונדז גענאַרט, אַזוי צו זאָגן: מיר זײַנען זייער ווײַט פון אײַך, ווען איר זיצט צווישן אונדז? 23 און אַצונד זאָלט איר זײַן פאַרשאָלטן, און עס זאָל ניט אויס־גיין פון אײַך אַ קנעכט און האָלצהעקער און וואַסערשעפּער פאַר דעם הויז פון מײַן גאָט.

יְהוֹשֻׁעַ וַיֹּאמְרוּ כִּי הֻגֵּד הֻגַּד לַעֲבָדֶיךָ אֵת אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה
אֱלֹהֶיךָ אֶת־מֹשֶׁה עַבְדּוֹ לָתֵת לָכֶם אֶת־כָּל־הָאָרֶץ
וּלְהַשְׁמִיד אֶת־כָּל־יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ מִפְּנֵיכֶם וַנִּירָא מְאֹד
לְנַפְשֹׁתֵינוּ מִפְּנֵיכֶם וַנַּעֲשֵׂה אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה׃ וְעַתָּה הִנְנוּ כה
בְיָדֶךָ כַּטּוֹב וְכַיָּשָׁר בְּעֵינֶיךָ לַעֲשׂוֹת לָנוּ עֲשֵׂה׃ וַיַּעַשׂ לָהֶם כו
כֵּן וַיַּצֵּל אוֹתָם מִיַּד בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל וְלֹא הֲרָגוּם׃ וַיִּתְּנֵם יְהוֹשֻׁעַ כז
בַּיּוֹם הַהוּא חֹטְבֵי עֵצִים וְשֹׁאֲבֵי־מַיִם לָעֵדָה וּלְמִזְבַּח יְהוָה
עַד־הַיּוֹם הַזֶּה אֶל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחָר׃

י

וַיְהִי כִשְׁמֹעַ אֲדֹנִי־צֶדֶק מֶלֶךְ יְרוּשָׁלִַם כִּי־לָכַד יְהוֹשֻׁעַ א
אֶת־הָעַי וַיַּחֲרִימָהּ כַּאֲשֶׁר עָשָׂה לִירִיחוֹ וּלְמַלְכָּהּ כֵּן
עָשָׂה לָעַי וּלְמַלְכָּהּ וְכִי הִשְׁלִימוּ יֹשְׁבֵי גִבְעוֹן אֶת־יִשְׂרָאֵל
וַיִּהְיוּ בְּקִרְבָּם׃ וַיִּירְאוּ מְאֹד כִּי עִיר גְּדוֹלָה גִּבְעוֹן כְּאַחַת ב
עָרֵי הַמַּמְלָכָה וְכִי הִיא גְדוֹלָה מִן־הָעַי וְכָל־אֲנָשֶׁיהָ
גִּבֹּרִים׃ וַיִּשְׁלַח אֲדֹנִי־צֶדֶק מֶלֶךְ יְרוּשָׁלִַם אֶל־הוֹהָם מֶלֶךְ־ ג
חֶבְרוֹן וְאֶל־פִּרְאָם מֶלֶךְ־יַרְמוּת וְאֶל־יָפִיעַ מֶלֶךְ־לָכִישׁ
וְאֶל־דְּבִיר מֶלֶךְ־עֶגְלוֹן לֵאמֹר׃ עֲלוּ־אֵלַי וְעִזְרֻנִי וְנַכֶּה ד
אֶת־גִּבְעוֹן כִּי־הִשְׁלִימָה אֶת־יְהוֹשֻׁעַ וְאֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃
וַיֵּאָסְפוּ וַיַּעֲלוּ חֲמֵשֶׁת ׀ מַלְכֵי הָאֱמֹרִי מֶלֶךְ יְרוּשָׁלִַם מֶלֶךְ־ ה
חֶבְרוֹן מֶלֶךְ־יַרְמוּת מֶלֶךְ־לָכִישׁ מֶלֶךְ־עֶגְלוֹן הֵם וְכָל־
מַחֲנֵיהֶם וַיַּחֲנוּ עַל־גִּבְעוֹן וַיִּלָּחֲמוּ עָלֶיהָ׃ וַיִּשְׁלְחוּ אַנְשֵׁי ו
גִבְעוֹן אֶל־יְהוֹשֻׁעַ אֶל־הַמַּחֲנֶה הַגִּלְגָּלָה לֵאמֹר אַל־תֶּרֶף
יָדֶיךָ מֵעֲבָדֶיךָ עֲלֵה אֵלֵינוּ מְהֵרָה וְהוֹשִׁיעָה לָּנוּ וְעָזְרֵנוּ
כִּי נִקְבְּצוּ אֵלֵינוּ כָּל־מַלְכֵי הָאֱמֹרִי יֹשְׁבֵי הָהָר׃ וַיַּעַל ז
יְהוֹשֻׁעַ מִן־הַגִּלְגָּל הוּא וְכָל־עַם הַמִּלְחָמָה עִמּוֹ וְכֹל
גִּבּוֹרֵי הֶחָיִל׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ אַל־תִּירָא מֵהֶם ח
כִּי בְיָדְךָ נְתַתִּים לֹא־יַעֲמֹד אִישׁ מֵהֶם בְּפָנֶיךָ׃ וַיָּבֹא ט

24 האָבן זיי געענטפערט יהושוען, און האָבן געזאָגט: ווייל דערציילט איז דערציילט געוואָרן דיינע קנעכט, דאָס וואָס יהוה דיין גאָט האָט באַפוילן זיין קנעכט משהן, אײַך צו געבן דאָס גאַנצע לאַנד, און צו פאַרטיליקן אַלע באַווינער פון לאַנד פון פאַר אײַך, און מיר האָבן זייער מורא געקריגן פאַר אונדזערע נפשות פון אײַך; דרום האָבן מיר געטאָן די דאָזיקע זאַך. 25 און אַצונד אָט זיינען מיר אין דיין האַנט; ווי עס איז גוט און רעכטפאַרטיק אין דיינע אויגן צו טאָן מיט אונדז, טו.

26 און ער האָט מיט זיי אַזוי געטאָן, און האָט זיי מציל געווען פון דער האַנט פון די קינדער פון ישׂראל, און זיי האָבן זיי ניט געהרגעט. 27 און יהושוע האָט זיי געמאַכט אין יענעם טאָג פאַר האָלצהעקער און פאַר וואַסער־שעפּער, פאַר דער עדה, און פאַר דעם מזבח פון גאָט, ביז אויף היינטיקן טאָג, אין דעם אָרט וואָס ער וועט אויס־דערוויילן.

י 1 און עס איז געווען, ווי אַדוני־צֶדֶק דער מלך פון ירושָלַיִם האָט געהערט אַז יהושוע האָט באַצוווּנגען עַי, און האָט זי פאַרוויסט; אַז אַזוי ווי ער האָט געטאָן צו יריחו און צו איר מלך, אַזוי האָט ער געטאָן צו עַי און צו איר מלך; און אַז די באַווינער פון גִבְעוֹן האָבן געמאַכט שלום מיט ישׂראל, און זיינען געבליבן צווישן זיי; 2 האָבן זיי זייער מורא געקריגן, ווייל גִבְעוֹן איז געווען אַ גרויסע שטאָט, אַזוי ווי איינע פון די מלוכה־שטעט, און ווייל זי איז געווען גרעסער פון עַי, און אַלע אירע מענטשן זיינען געווען גיבורים. 3 און אַדוני־צֶדֶק דער מלך פון ירושָלַיִם האָט געשיקט צו הוֹהָם דעם מלך פון חֶברוֹן, און צו פִּרְאָם דעם מלך פון יַרמוּת, און צו יָפִיעַ דעם מלך פון לָכִיש, און צו דביר דעם מלך פון עֶגלוֹן, אַזוי צו זאָגן: 4 קומט אַרויף צו מיר, און העלפט מיר, און לאָמיר שלאָגן גִבְעוֹן, ווייל זי האָט געמאַכט שלום מיט יהושוען און מיט די קינדער פון ישׂראל.

5 האָבן זיך אײַנגעזאַמלט און זיינען אַרויפגעגאַנגען די פינף מלכים פון אֱמוֹרי, דער מלך פון ירושָלַיִם, דער מלך פון חֶברוֹן, דער מלך פון יַרמוּת, דער מלך פון לָכִיש, דער מלך פון עֶגלוֹן, זיי מיט אַלע זייערע מחנות, און זיי האָבן גע־לעגערט אויף גִבְעוֹן, און מלחמה געהאַלטן אויף איר.

6 האָבן די מענטשן פון גִבְעוֹן געשיקט צו יהושוען אין לאַגער קיין גִלְגָל, אַזוי צו זאָגן: זאָלסט ניט אָפּלאָזן דיינע הענט פון דיינע קנעכט; קום אַרויף צו אונדז אויף גיך, און העלף אונדז, און שטיי אונדז ביי; וואָרום אַלע מלכים פון אֱמוֹרי, די באַווינער פון דעם געבערג, האָבן זיך אײַנגעזאַמלט אויף אונדז.

7 איז יהושוע אַרויפגעגאַנגען פון גִלְגָל, ער און דאָס גאַנצע מלחמה־פאָלק מיט אים, און אַלע העלדישע גיבורים. 8 און גאָט האָט געזאָגט צו יהושוען: זאָלסט ניט מורא האָבן פאַר זיי, וואָרום איך האָב זיי געגעבן אין דיין האַנט; קיינער פון זיי וועט ניט באַשטיין פאַר דיר. 9 און יהושוע איז געקומען אויף זיי פּלוצים; די גאַנצע נאַכט איז

ער אַרויפגעגאַנגען פון גִלְגָל. 10 און גאָט האָט זיי צעטומלט פאַר ישׂראל; און ער האָט זיי געשלאָגן אַ גרויסן שלאַק אין גִבְעוֹן, און האָט זיי נאָכגעיאָגט אויף דעם וועג פון דעם אַרויפגאַנג פון בֵית־חוֹרוֹן, און זיי געשלאָגן ביז עֲזֵקָה, און ביז מַקֵדָה. 11 און עס איז געווען, אַז זיי זיינען געלאָפן פאַר ישׂראל, ווען זיי זיינען געווען אויף דעם אַראָפגאַנג פון בֵית־חוֹרוֹן, האָט גאָט אַראָפגעוואָרפן אויף זיי פון הימל גרויסע שטיינער, ביז עֲזֵקָה, און זיי זיינען געשטאָרבן. מער זיינען געווען די וואָס זיינען געשטאָרבן פון די האָגלשטיינער, ווי די וואָס די קינדער פון ישׂראל האָבן געהרגעט מיטן שווערד.

12 דענסמאָל האָט יהוֹשֻעַ גערעדט צו גאָט—אין דעם טאָג וואָס גאָט האָט איבערגעגעבן דעם אֱמוֹרי צו די קינדער פון ישׂראל—און ער האָט געזאָגט פאַר די אויגן פון ישׂראל:

זון, שטיי שטיל אין גִבְעוֹן,
און לבנה, אין טאָל פון אַיָלוֹן!
13 און די זון איז שטיל געשטאַנען,
און די לבנה האָט זיך אָפּגעשטעלט,
ביז דאָס פאָלק האָט זיך נוֹקם געווען אָן זיינע פיינט.

דאָס איז שוין באַשריבן אין בוך פון יָשָר. און די זון האָט זיך אָפּגעשטעלט אין האַלבן הימל, און האָט זיך ניט געאיילט אונטערצוגיין אַרום אַ גאַנצן טאָג. 14 און אַזאַ טאָג ווי יענער איז ניט געווען, פאַר אים אָדער נאָך אים, אַז גאָט זאָל געהאָרכן דעם קָול פון אַ מענטשן; וואָרום גאָט האָט מלחמה געהאַלטן פאַר ישׂראל.

אֲלֵיהֶם יְהוֹשֻׁעַ פִּתְאֹם כָּל־הַלַּיְלָה עָלָה מִן־הַגִּלְגָּל׃
י וַיְהֻמֵּם יְהוָה לִפְנֵי יִשְׂרָאֵל וַיַּכֵּם מַכָּה־גְדוֹלָה בְּגִבְעוֹן
וַיִּרְדְּפֵם דֶּרֶךְ מַעֲלֵה בֵית־חוֹרֹן וַיַּכֵּם עַד־עֲזֵקָה וְעַד־מַקֵּדָה׃
יא וַיְהִי בְּנֻסָם ׀ מִפְּנֵי יִשְׂרָאֵל הֵם בְּמוֹרַד בֵּית־חוֹרֹן וַיהוָה
הִשְׁלִיךְ עֲלֵיהֶם אֲבָנִים גְּדֹלוֹת מִן־הַשָּׁמַיִם עַד־עֲזֵקָה וַיָּמֻתוּ
רַבִּים אֲשֶׁר־מֵתוּ בְּאַבְנֵי הַבָּרָד מֵאֲשֶׁר הָרְגוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
יב בֶּחָרֶב׃ אָז יְדַבֵּר יְהוֹשֻׁעַ לַיהוָה בְּיוֹם תֵּת יְהוָה אֶת־
הָאֱמֹרִי לִפְנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר ׀ לְעֵינֵי יִשְׂרָאֵל שֶׁמֶשׁ
יג בְּגִבְעוֹן דּוֹם וְיָרֵחַ בְּעֵמֶק אַיָּלוֹן׃ וַיִּדֹּם הַשֶּׁמֶשׁ וְיָרֵחַ עָמָד
עַד־יִקֹּם גּוֹי אֹיְבָיו הֲלֹא־הִיא כְתוּבָה עַל־סֵפֶר הַיָּשָׁר וַיַּעֲמֹד
יד הַשֶּׁמֶשׁ בַּחֲצִי הַשָּׁמַיִם וְלֹא־אָץ לָבוֹא כְּיוֹם תָּמִים׃ וְלֹא
הָיָה כַּיּוֹם הַהוּא לְפָנָיו וְאַחֲרָיו לִשְׁמֹעַ יְהוָה בְּקוֹל אִישׁ
טו כִּי יְהוָה נִלְחָם לְיִשְׂרָאֵל׃ וַיָּשָׁב יְהוֹשֻׁעַ וְכָל־יִשְׂרָאֵל
טז עִמּוֹ אֶל־הַמַּחֲנֶה הַגִּלְגָּלָה׃ וַיָּנֻסוּ חֲמֵשֶׁת הַמְּלָכִים הָאֵלֶּה
יז וַיֵּחָבְאוּ בַמְּעָרָה בְּמַקֵּדָה׃ וַיֻּגַּד לִיהוֹשֻׁעַ לֵאמֹר נִמְצְאוּ
יח חֲמֵשֶׁת הַמְּלָכִים נֶחְבְּאִים בַּמְּעָרָה בְּמַקֵּדָה׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ
גֹּלּוּ אֲבָנִים גְּדֹלוֹת אֶל־פִּי הַמְּעָרָה וְהַפְקִידוּ עָלֶיהָ אֲנָשִׁים
יט לְשָׁמְרָם׃ וְאַתֶּם אַל־תַּעֲמֹדוּ רִדְפוּ אַחֲרֵי אֹיְבֵיכֶם וְזִנַּבְתֶּם
אוֹתָם אַל־תִּתְּנוּם לָבוֹא אֶל־עָרֵיהֶם כִּי נְתָנָם יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם
כ בְּיֶדְכֶם׃ וַיְהִי כְּכַלּוֹת יְהוֹשֻׁעַ וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל לְהַכּוֹתָם מַכָּה
גְדוֹלָה־מְאֹד עַד־תֻּמָּם וְהַשְּׂרִידִים שָׂרְדוּ מֵהֶם וַיָּבֹאוּ אֶל־
כא עָרֵי הַמִּבְצָר׃ וַיָּשֻׁבוּ כָל־הָעָם אֶל־הַמַּחֲנֶה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ
מַקֵּדָה בְּשָׁלוֹם לֹא־חָרַץ לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל לְאִישׁ אֶת־לְשֹׁנוֹ׃
כב וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ פִּתְחוּ אֶת־פִּי הַמְּעָרָה וְהוֹצִיאוּ אֵלַי אֶת־
כג חֲמֵשֶׁת הַמְּלָכִים הָאֵלֶּה מִן־הַמְּעָרָה׃ וַיַּעֲשׂוּ כֵן וַיֹּצִיאוּ
אֵלָיו אֶת־חֲמֵשֶׁת הַמְּלָכִים הָאֵלֶּה מִן־הַמְּעָרָה אֵת ׀ מֶלֶךְ
יְרוּשָׁלִַם אֶת־מֶלֶךְ חֶבְרוֹן אֶת־מֶלֶךְ יַרְמוּת אֶת־מֶלֶךְ לָכִישׁ

ג׳ קמץ ברביע

15 און יהוֹשֻעַ און גאַנץ ישׂראל מיט אים האָבן זיך אומגעקערט אין לאַגער קיין גִלְגָל. 16 און דידאָזיקע פינף מלכים זיינען אַנטלאָפן, און האָבן זיך באַהאַלטן אין דער הייל אין מַקֵדָה. 17 איז אָנגעזאָגט געוואָרן יהוֹשֻעַן, אַזוי צו זאָגן: די פינף מלכים זיינען געפונען געוואָרן באַהאַלטן אין דער הייל אין מַקֵדָה. 18 האָט יהוֹשֻעַ געזאָגט: קייקלט צו גרויסע שטיינער צום מויל פון דער הייל, און שטעלט לעבן איר מענטשן, זיי צו היטן. 19 און איר זאָלט אייך ניט אָפּשטעלן; יאָגט נאָך אַייערע פיינט, און איר זאָלט שלאָגן זייערע הינטערשטע; איר זאָלט זיי ניט לאָזן אַריינקומען אין זייערע שטעט; וואָרום יהוה אַייער גאָט האָט זיי געגעבן אין אַייער האַנט.

20 און עס איז געווען, אַז יהוֹשֻעַ און די קינדער פון ישׂראל האָבן זיי געענדיקט שלאָגן זייער אַ גרויסן שלאַק, ביז זיי זיינען פאַרלענדט געוואָרן, און די געבליבענע וואָס זיינען געבליבן פון זיי, זיינען אַריין אין די פעסטונגשטעט, 21 אַזוי האָט דאָס גאַנצע פאָלק זיך אומגעקערט אין לאַגער צו יהוֹשֻעַן קיין מַקֵדָה בשלום; קיינער האָט זיין צונג ניט געשאַרפט אַקעגן עמיצן פון די קינדער פון ישׂראל.

22 האָט יהוֹשֻעַ געזאָגט: עפנט אויף דאָס מויל פון דער הייל, און ברענגט אַרויס צו מיר דידאָזיקע פינף מלכים פון דער הייל. 23 האָבן זיי אַזוי געטאָן; און זיי האָבן אַרויסגעבראַכט צו אים דידאָזיקע פינף מלכים פון דער הייל, דעם מלך פון ירוּשָלַיִם, דעם מלך פון חֶברוֹן, דעם מלך פון יַרמוּת, דעם מלך פון לָכִיש, דעם מלך פון עֶגלוֹן.

אֶת־מֶלֶךְ עֶגְלוֹן׃ וַיְהִי כְּהוֹצִיאָם אֶת־הַמְּלָכִים הָאֵלֶּה כד
אֶל־יְהוֹשֻׁעַ וַיִּקְרָא יְהוֹשֻׁעַ אֶל־כָּל־אִישׁ יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר
אֶל־קְצִינֵי אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה הֶהָלְכוּא אִתּוֹ קִרְבוּ שִׂימוּ
אֶת־רַגְלֵיכֶם עַל־צַוְּארֵי הַמְּלָכִים הָאֵלֶּה וַיִּקְרְבוּ וַיָּשִׂימוּ
אֶת־רַגְלֵיהֶם עַל־צַוְּארֵיהֶם׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם יְהוֹשֻׁעַ אַל־ כה
תִּירְאוּ וְאַל־תֵּחָתּוּ חִזְקוּ וְאִמְצוּ כִּי כָכָה יַעֲשֶׂה יְהוָה
לְכָל־אֹיְבֵיכֶם אֲשֶׁר אַתֶּם נִלְחָמִים אוֹתָם׃ וַיַּכֵּם יְהוֹשֻׁעַ כו
אַחֲרֵי־כֵן וַיְמִיתֵם וַיִּתְלֵם עַל חֲמִשָּׁה עֵצִים וַיִּהְיוּ תְּלוּיִם
עַל־הָעֵצִים עַד־הָעָרֶב׃ וַיְהִי לְעֵת ׀ בּוֹא הַשֶּׁמֶשׁ צִוָּה כז
יְהוֹשֻׁעַ וַיֹּרִידוּם מֵעַל הָעֵצִים וַיַּשְׁלִכֻם אֶל־הַמְּעָרָה אֲשֶׁר
נֶחְבְּאוּ־שָׁם וַיָּשִׂמוּ אֲבָנִים גְּדֹלוֹת עַל־פִּי הַמְּעָרָה עַד־
עֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה׃ וְאֶת־מַקֵּדָה לָכַד יְהוֹשֻׁעַ בַּיּוֹם כח
הַהוּא וַיַּכֶּהָ לְפִי־חֶרֶב וְאֶת־מַלְכָּהּ הֶחֱרִם אוֹתָם וְאֶת־כָּל־
הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר־בָּהּ לֹא הִשְׁאִיר שָׂרִיד וַיַּעַשׂ לְמֶלֶךְ מַקֵּדָה
כַּאֲשֶׁר עָשָׂה לְמֶלֶךְ יְרִיחוֹ׃ וַיַּעֲבֹר יְהוֹשֻׁעַ וְכָל־יִשְׂרָאֵל כט
עִמּוֹ מִמַּקֵּדָה לִבְנָה וַיִּלָּחֶם עִם־לִבְנָה׃ וַיִּתֵּן יְהוָה גַּם־ ל
אוֹתָהּ בְּיַד יִשְׂרָאֵל וְאֶת־מַלְכָּהּ וַיַּכֶּהָ לְפִי־חֶרֶב וְאֶת־כָּל־
הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר־בָּהּ לֹא־הִשְׁאִיר בָּהּ שָׂרִיד וַיַּעַשׂ לְמַלְכָּהּ
כַּאֲשֶׁר עָשָׂה לְמֶלֶךְ יְרִיחוֹ׃ וַיַּעֲבֹר יְהוֹשֻׁעַ וְכָל־ לא
יִשְׂרָאֵל עִמּוֹ מִלִּבְנָה לָכִישָׁה וַיִּחַן עָלֶיהָ וַיִּלָּחֶם בָּהּ׃ וַיִּתֵּן לב
יְהוָה אֶת־לָכִישׁ בְּיַד יִשְׂרָאֵל וַיִּלְכְּדָהּ בַּיּוֹם הַשֵּׁנִי וַיַּכֶּהָ
לְפִי־חֶרֶב וְאֶת־כָּל־הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר־בָּהּ כְּכֹל אֲשֶׁר־עָשָׂה
לְלִבְנָה׃ אָז עָלָה הֹרָם מֶלֶךְ גֶּזֶר לַעְזֹר אֶת־לָכִישׁ לג
וַיַּכֵּהוּ יְהוֹשֻׁעַ וְאֶת־עַמּוֹ עַד־בִּלְתִּי הִשְׁאִיר־לוֹ שָׂרִיד׃
וַיַּעֲבֹר יְהוֹשֻׁעַ וְכָל־יִשְׂרָאֵל עִמּוֹ מִלָּכִישׁ עֶגְלֹנָה וַיַּחֲנוּ עָלֶיהָ לד
וַיִּלָּחֲמוּ עָלֶיהָ׃ וַיִּלְכְּדוּהָ בַּיּוֹם הַהוּא וַיַּכּוּהָ לְפִי־חֶרֶב לה
וְאֵת כָּל־הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר־בָּהּ בַּיּוֹם הַהוּא הֶחֱרִים כְּכֹל אֲשֶׁר־

כד׳ יתיר א׳ כח׳ כ״א אותה לג׳ כ״א על

24 און עס איז געווען, ווי זיי האָבן אַרויסגעבראַכט די דאָזיקע מלכים צו יהושוען, אַזוי האָט יהושוע גערופן אַלע מענער פון ישראל, און ער האָט געזאָגט צו די פירער פון די מלחמה־לייט וואָס זיינען מיט אים געגאַנגען: גענענט, טוט אַרויף אײַערע פיס אויף די העלדזער פון די דאָזיקע מלכים. האָבן זיי גענענט, און האָבן אַרויפגעטאָן זייערע פיס אויף זייערע העלדזער. 25 און יהושוע האָט צו זיי געזאָגט: איר זאָלט ניט מורא האָבן און ניט אַנגסטן, זייט שטאַרק און פעסט, וואָרום אַזוי וועט גאָט טאָן צו אַלע אײַערע פײַנט וואָס איר האַלט מלחמה מיט זיי. 26 און יהושוע האָט זיי דערנאָך געשלאָגן, און האָט זיי געטייט, און זיי אויפגעהאַנגען אויף פינף ביימער; און זיי זיינען געהאַנגען אויף די ביימער ביזן אָוונט. 27 און עס איז געווען אין צייט פון זונאונטערגאַנג, האָט יהושוע באַפוילן, און מע האָט זיי אַראָפגענומען פון די ביימער, און זיי אַרייַנגעוואָרפן אין דער הייל, וואָס זיי האָבן זיך דאָרטן באַהאַלטן. און מע האָט אַרויפגעטאָן גרויסע שטיינער אויפן מויל פון דער הייל, [ווו זיי ליגן] אַזש ביז אויף הייַנטיקן טאָג.

28 און יהושוע האָט באַצווונגען מקדה אין יענעם טאָג, און האָט געשלאָגן זי און איר מלך מיטן שאַרף פון שווערד; ער האָט פאַרוויסט זיי און אַלע נפשות וואָס אין איר; ער האָט ניט געלאָזט אַן איבערבלייב. און ער האָט געטאָן צום מלך פון מקדה, אַזוי ווי ער האָט געטאָן צום מלך פון יריחו.

29 און יהושוע און גאַנץ ישראל מיט אים זיינען אַריבערגעגאַנגען פון מקדה קיין לבנה, און ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט לבנה. 30 און גאָט האָט אויך זי און איר מלך געגעבן אין דער האַנט פון ישראל; און ער האָט זי געשלאָגן מיטן שאַרף פון שווערד, מיט אַלע נפשות וואָס אין איר; ער האָט ניט געלאָזט אין איר אַן איבערבלייב. און ער האָט געטאָן צו איר מלך אַזוי ווי ער האָט געטאָן צום מלך פון יריחו.

31 און יהושוע און גאַנץ ישראל מיט אים זיינען אַריבערגעגאַנגען פון לבנה קיין לכיש, און ער האָט געלעגערט אויף איר און מלחמה געהאַלטן אַקעגן איר. 32 און גאָט האָט געגעבן לכיש אין דער האַנט פון ישראל; און ער האָט זי באַצווונגען אויפן צווייטן טאָג, און האָט זי געשלאָגן מיטן שאַרף פון שווערד, מיט אַלע נפשות וואָס אין איר; אַזוי ווי אַלץ וואָס ער האָט געטאָן צו לבנה.

33 דענסמאָל איז אַרויפגעקומען הורם דער מלך פון גזר צו העלפן לכיש, און יהושוע האָט געשלאָגן אים און זיין פאָלק ביז ער האָט אים ניט געלאָזט אַן איבערבלייב.

34 און יהושוע און גאַנץ ישראל מיט אים זיינען אַריבערגעגאַנגען פון לכיש קיין עגלון, און זיי האָבן געלעגערט אויף איר, און מלחמה געהאַלטן אויף איר. 35 און זיי האָבן זי באַצווונגען אין יענעם טאָג, און האָבן זי געשלאָגן מיטן שאַרף פון שווערד; און אַלע נפשות וואָס אין איר האָט ער פאַרוויסט אין יענעם טאָג; אַזוי ווי אַלץ וואָס ער האָט געטאָן צו לכיש.

לו עָשָׂה לְלָכִישׁ׃ וַיַּעַל יְהוֹשֻׁעַ וְכָל־יִשְׂרָאֵל עִמּוֹ מֵעֶגְלוֹנָה
לז חֶבְרוֹנָה וַיִּלָּחֲמוּ עָלֶיהָ׃ וַיִּלְכְּדוּהָ וַיַּכּוּהָ לְפִי־חֶרֶב וְאֶת־
מַלְכָּהּ וְאֶת־כָּל־עָרֶיהָ וְאֶת־כָּל־הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר־בָּהּ לֹא־
הִשְׁאִיר שָׂרִיד כְּכֹל אֲשֶׁר־עָשָׂה לְעֶגְלוֹן וַיַּחֲרֵם אוֹתָהּ וְאֶת־
לח כָּל־הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר־בָּהּ׃ וַיָּשָׁב יְהוֹשֻׁעַ וְכָל־יִשְׂרָאֵל עִמּוֹ
לט דְּבִרָה וַיִּלָּחֶם עָלֶיהָ׃ וַיִּלְכְּדָהּ וְאֶת־מַלְכָּהּ וְאֶת־כָּל־עָרֶיהָ
וַיַּכּוּם לְפִי־חֶרֶב וַיַּחֲרִימוּ אֶת־כָּל־נֶפֶשׁ אֲשֶׁר־בָּהּ לֹא
הִשְׁאִיר שָׂרִיד כַּאֲשֶׁר עָשָׂה לְחֶבְרוֹן כֵּן־עָשָׂה לִדְבִרָה
מ וּלְמַלְכָּהּ וְכַאֲשֶׁר עָשָׂה לְלִבְנָה וּלְמַלְכָּהּ׃ וַיַּכֶּה יְהוֹשֻׁעַ
אֶת־כָּל־הָאָרֶץ הָהָר וְהַנֶּגֶב וְהַשְּׁפֵלָה וְהָאֲשֵׁדוֹת וְאֵת כָּל־
מַלְכֵיהֶם לֹא הִשְׁאִיר שָׂרִיד וְאֵת כָּל־הַנְּשָׁמָה הֶחֱרִים
מא כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיַּכֵּם יְהוֹשֻׁעַ מִקָּדֵשׁ
מב בַּרְנֵעַ וְעַד־עַזָּה וְאֵת כָּל־אֶרֶץ גֹּשֶׁן וְעַד־גִּבְעוֹן׃ וְאֵת כָּל־
הַמְּלָכִים הָאֵלֶּה וְאֶת־אַרְצָם לָכַד יְהוֹשֻׁעַ פַּעַם אֶחָת כִּי
מג יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל נִלְחָם לְיִשְׂרָאֵל׃ וַיָּשָׁב יְהוֹשֻׁעַ וְכָל־
יִשְׂרָאֵל עִמּוֹ אֶל־הַמַּחֲנֶה הַגִּלְגָּלָה׃

## יא

א וַיְהִי כִּשְׁמֹעַ יָבִין מֶלֶךְ־חָצוֹר וַיִּשְׁלַח אֶל־יוֹבָב מֶלֶךְ מָדוֹן
ב וְאֶל־מֶלֶךְ שִׁמְרוֹן וְאֶל־מֶלֶךְ אַכְשָׁף׃ וְאֶל־הַמְּלָכִים אֲשֶׁר
מִצְּפוֹן בָּהָר וּבָעֲרָבָה נֶגֶב כִּנְרוֹת וּבַשְּׁפֵלָה וּבְנָפוֹת דּוֹר
ג מִיָּם׃ הַכְּנַעֲנִי מִמִּזְרָח וּמִיָּם וְהָאֱמֹרִי וְהַחִתִּי וְהַפְּרִזִּי וְהַיְבוּסִי
ד בָּהָר וְהַחִוִּי תַּחַת חֶרְמוֹן בְּאֶרֶץ הַמִּצְפָּה׃ וַיֵּצְאוּ הֵם וְכָל־
מַחֲנֵיהֶם עִמָּם עַם־רָב כַּחוֹל אֲשֶׁר עַל־שְׂפַת־הַיָּם לָרֹב
ה וְסוּס וָרֶכֶב רַב־מְאֹד׃ וַיִּוָּעֲדוּ כֹּל הַמְּלָכִים הָאֵלֶּה וַיָּבֹאוּ
וַיַּחֲנוּ יַחְדָּו אֶל־מֵי מֵרוֹם לְהִלָּחֵם עִם־יִשְׂרָאֵל׃
ו וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ אַל־תִּירָא מִפְּנֵיהֶם כִּי מָחָר כָּעֵת
הַזֹּאת אָנֹכִי נֹתֵן אֶת־כֻּלָּם חֲלָלִים לִפְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת־

יא, ד׳ קָמֶץ בזקף גדול

36 און יהושע און גאַנץ ישׂראל מיט אים זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען פֿון עֶגלון קיין חֶברון, און זיי האָבן מלחמה געהאַלטן אויף איר. 37 און זיי האָבן זי באַצוווּנגען, און האָבן זי געשלאָגן מיטן שאַרף פֿון שווערד, מיט איר מלך, און אַלע אירע שטעט, און אַלע נפֿשות וואָס אין איר; ער האָט ניט געלאָזט אַן איבערבלײַב; אַזוי ווי אַלץ וואָס ער האָט געטאָן צו עֶגלון. און ער האָט פֿאַרוויסט זי און אַלע נפֿשות וואָס אין איר.

38 און יהושע און גאַנץ ישׂראל מיט אים האָבן זיך אומגעקערט קיין דביר, און ער האָט מלחמה געהאַלטן אויף איר. 39 און ער האָט באַצוווּנגען זי און איר מלך, און אַלע אירע שטעט; און זיי האָבן זיי געשלאָגן מיטן שאַרף פֿון שווערד, און פֿאַרוויסט אַלע נפֿשות וואָס אין איר; ער האָט ניט געלאָזט אַן איבערבלײַב. אַזוי ווי ער האָט געטאָן צו חֶברון, אַזוי האָט ער געטאָן צו דביר און צו איר מלך; אַזוי ווי ער האָט אויך געטאָן צו לִבנָה און צו איר מלך.

40 און יהושע האָט געשלאָגן דאָס גאַנצע לאַנד, דאָס געבערג, און דעם דָרום, און די נידערונג, און די אַראָפּגאַנגען, און אַלע זייערע מלכים; ער האָט ניט געלאָזט אַן איבערבלײַב, נייערט ווו נאָר אַן אָטעם האָט ער פֿאַרוויסט, אַזוי ווי יהוה דער גאָט פֿון ישׂראל האָט באַפֿוילן. 41 און יהושע האָט זיי געשלאָגן פֿון קָדֵש־בַרנֵעַ און ביז עַזָה, און דאָס גאַנצע לאַנד גוֹשֶן, און ביז גִבעוֹן. 42 און אַלע די דאָזיקע מלכים און זייער לאַנד האָט יהושע באַצוווּנגען אויף איין מאָל; וואָרום יהוה דער גאָט פֿון ישׂראל האָט מלחמה געהאַלטן פֿאַר ישׂראל.

43 און יהושע און גאַנץ ישׂראל מיט אים האָבן זיך אומגעקערט אין לאַגער קיין גִלגָל.

## יא

1 און עס איז געווען, ווי יָבִין דער מלך פֿון חָצוֹר האָט דערהערט, אַזוי האָט ער געשיקט צו יוֹבָב דעם מלך פֿון מָדוֹן, און צו דעם מלך פֿון שִמרוֹן, און צו דעם מלך פֿון אַכשָף; 2 און צו די מלכים וואָס אין צפֿון, אין דעם געבערג, און אויפֿן פּלוין, אין דָרום פֿון כִּנרוֹת, און אין דער נידערונג, און אין די געגנטן פֿון דוֹר, אין מערב; 3 צו דעם כְּנַעֲני אין מזרח און אין מערב, און צו דעם אֱמוֹרי, און דעם חִתּי, און דעם פְּרִזי, און דעם יבוּסי אין דעם געבערג, און דעם חִוִי אונטער חֶרמוֹן אין לאַנד מִצפָּה. 4 און זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען, זיי און אַלע זייערע מחנות מיט זיי, פֿיל פֿאָלק, אַזוי ווי דער זאַמד וואָס אויפֿן ברעג פֿון ים אין פֿילקייט, און פֿערד און רײַטוועגן זייער פֿיל. 5 און אַלע די דאָזיקע מלכים האָבן זיך אײַנגעזאַמלט, און זײַנען געקומען, און האָבן אין איינעם געלאַגערט בײַ די וואַסערן פֿון מֵרוֹם, מלחמה צו האַלטן מיט ישׂראל.

6 האָט גאָט געזאָגט צו יהושען: זאָלסט ניט מורא האָבן פֿאַר זיי, וואָרום מאָרגן אַרום דער צײַט, גיב איך זיי אַלע איבער דערשלאָגענע פֿאַר ישׂראל. זייערע פֿערד זאָלסטו אויסרײַסן, און זייערע רײַטוועגן זאָלסטו פֿאַרברענען אין פֿײַער.

סוּסֵיהֶם תְּעַקֵּר וְאֶת־מַרְכְּבֹתֵיהֶם תִּשְׂרֹף בָּאֵשׁ׃ וַיָּבֹא ז
יְהוֹשֻׁעַ וְכָל־עַם הַמִּלְחָמָה עִמּוֹ עֲלֵיהֶם עַל־מֵי מֵרוֹם
פִּתְאֹם וַיִּפְּלוּ בָּהֶם׃ וַיִּתְּנֵם יְהוָה בְּיַד־יִשְׂרָאֵל וַיַּכּוּם ח
וַיִּרְדְּפוּם עַד־צִידוֹן רַבָּה וְעַד מִשְׂרְפוֹת מַיִם וְעַד־בִּקְעַת
מִצְפֶּה מִזְרָחָה וַיַּכֻּם עַד־בִּלְתִּי הִשְׁאִיר־לָהֶם שָׂרִיד׃
וַיַּעַשׂ לָהֶם יְהוֹשֻׁעַ כַּאֲשֶׁר אָמַר־לוֹ יְהוָה אֶת־סוּסֵיהֶם עִקֵּר ט
וְאֶת־מַרְכְּבֹתֵיהֶם שָׂרַף בָּאֵשׁ׃ וַיָּשָׁב יְהוֹשֻׁעַ בָּעֵת י
הַהִיא וַיִּלְכֹּד אֶת־חָצוֹר וְאֶת־מַלְכָּהּ הִכָּה בֶחָרֶב כִּי־חָצוֹר
לְפָנִים הִיא רֹאשׁ כָּל־הַמַּמְלָכוֹת הָאֵלֶּה׃ וַיַּכּוּ אֶת־כָּל־ יא
הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר־בָּהּ לְפִי־חֶרֶב הַחֲרֵם לֹא נוֹתַר כָּל־נְשָׁמָה
וְאֶת־חָצוֹר שָׂרַף בָּאֵשׁ׃ וְאֶת־כָּל־עָרֵי הַמְּלָכִים־הָאֵלֶּה יב
וְאֶת־כָּל־מַלְכֵיהֶם לָכַד יְהוֹשֻׁעַ וַיַּכֵּם לְפִי־חֶרֶב הֶחֱרִים
אוֹתָם כַּאֲשֶׁר צִוָּה מֹשֶׁה עֶבֶד יְהוָה׃ רַק כָּל־הֶעָרִים יג
הָעֹמְדוֹת עַל־תִּלָּם לֹא שְׂרָפָם יִשְׂרָאֵל זוּלָתִי אֶת־חָצוֹר
לְבַדָּהּ שָׂרַף יְהוֹשֻׁעַ׃ וְכֹל שְׁלַל הֶעָרִים הָאֵלֶּה וְהַבְּהֵמָה יד
בָּזְזוּ לָהֶם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל רַק אֶת־כָּל־הָאָדָם הִכּוּ לְפִי־חֶרֶב
עַד־הִשְׁמִדָם אוֹתָם לֹא הִשְׁאִירוּ כָּל־נְשָׁמָה׃ כַּאֲשֶׁר צִוָּה טו
יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה עַבְדּוֹ כֵּן־צִוָּה מֹשֶׁה אֶת־יְהוֹשֻׁעַ וְכֵן עָשָׂה
יְהוֹשֻׁעַ לֹא־הֵסִיר דָּבָר מִכֹּל אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃
וַיִּקַּח יְהוֹשֻׁעַ אֶת־כָּל־הָאָרֶץ הַזֹּאת הָהָר וְאֶת־כָּל־הַנֶּגֶב טז
וְאֵת כָּל־אֶרֶץ הַגֹּשֶׁן וְאֶת־הַשְּׁפֵלָה וְאֶת־הָעֲרָבָה וְאֶת־הַר
יִשְׂרָאֵל וּשְׁפֵלָתֹה׃ מִן־הָהָר הֶחָלָק הָעוֹלֶה שֵׂעִיר וְעַד־ יז
בַּעַל גָּד בְּבִקְעַת הַלְּבָנוֹן תַּחַת הַר־חֶרְמוֹן וְאֵת כָּל־
מַלְכֵיהֶם לָכַד וַיַּכֵּם וַיְמִיתֵם׃ יָמִים רַבִּים עָשָׂה יְהוֹשֻׁעַ יח
אֶת־כָּל־הַמְּלָכִים הָאֵלֶּה מִלְחָמָה׃ לֹא־הָיְתָה עִיר אֲשֶׁר יט
הִשְׁלִימָה אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בִּלְתִּי הַחִוִּי יֹשְׁבֵי גִבְעוֹן אֶת־
הַכֹּל לָקְחוּ בַמִּלְחָמָה׃ כִּי מֵאֵת יְהוָה ׀ הָיְתָה לְחַזֵּק אֶת־ כ

טז׳ ושפלתו קרי

7 און יהושע און דאָס גאַנצע מלחמה־פאָלק מיט אים זײנען געקומען אויף זײ פּלוצים בײ די װאַסערן פון מרום, און זײ זײנען אָנגעפאַלן אויף זײ. 8 און גאָט האָט זײ געגעבן אין דער האַנט פון ישׂראל, און זײ האָבן זײ געשלאָגן, און זײ נאָכגעיאָגט ביז גרויס־צידון, און ביז משׂרפות־מים, און ביז דעם טאָל פון מצפּה צו מזרח; און זײ האָבן זײ געשלאָגן ביז זײ ניט צו לאָזן אַן איבערבלײב. 9 און יהושע האָט צו זײ געטאָן אַזױ װי גאָט האָט אים אָנגעזאָגט; זײערע פערד האָט ער אויסגעריסן, און זײערע רײטװעגן, האָט ער פאַרברענט אין פײער.

10 און יהושע האָט זיך אומגעקערט אין יענער צײט, און האָט באַצװוּנגען חצור, און איר מלך האָט ער גע־שלאָגן מיטן שװערד; װאָרום חצור איז פריער געװען דאָס הויפּט פון אַלע דידאָזיקע קיניגרײכן. 11 און זײ האָבן דערשלאָגן אַלע נפשות װאָס אין איר מיטן שאַרף פון שװערד–פאַרװיסט; עס איז ניט געבליבן קײן לעבעדי־קער אָטעם; און חצור האָט ער פאַרברענט אין פײער. 12 און אַלע שטעט פון דידאָזיקע מלכים, און אַלע זײערע מלכים, האָט יהושע באַצװוּנגען, און זײ געשלאָגן מיטן שאַרף פון שװערד–זײ פאַרװיסט, אַזױ װי משה דער קנעכט פון גאָט האָט באַפוילן. 13 אָבער אַלע שטעט װאָס זײנען געשטאַנען אויף זײערע בערגלעך, זײ האָט ישׂראל ניט פאַרברענט; בלויז חצור אַלײן האָט יהושע פאַרברענט. 14 און דעם גאַנצן זאַקרויב פון דידאָזיקע שטעט, און די בהמות, האָבן די קינדער פון ישׂראל גערויבט פאַר זיך; נאָר אַלע מענטשן האָבן זײ געשלאָגן מיטן שאַרף פון שװערד ביז זײ האָבן זײ פאַרטיליקט; זײ האָבן ניט איבערגעלאָזט קײן לעבעדיקן אָטעם. 15 אַזױ װי גאָט האָט באַפוילן זײן קנעכט משהן, אַזױ האָט משה באַפוילן יהושען, און אַזױ האָט יהושע געטאָן. ער האָט ניט אויס־געלאָזט אַ זאַך פון אַלץ װאָס גאָט האָט באַפוילן משהן. 16 און יהושע האָט אײנגענומען דאָסדאָזיקע גאַנצע לאַנד, דאָס געבערג, און דעם גאַנצן דרום, און דאָס גאַנצע לאַנד גושן, און די נידערונג, און דעם פּלױן, און דאָס געבערג פון ישׂראל, און זײן נידערונג, 17 פון דעם גלאַטן באַרג װאָס גײט אַרויף צו שׂעיר, און ביז בעל־גד אין טאָל פון לבנון, אונטער באַרג חרמון; און אַלע זײערע מלכים האָט ער באַצװוּנגען, און זײ געשלאָגן און זײ געטײט. 18 פיל טעג האָט יהושע געפירט מלחמה מיט אַלע דידאָזיקע מלכים. 19 ניט געװען אַ שטאָט װאָס האָט געמאַכט שלום מיט די קינדער פון ישׂראל, אַחוץ דער חוי, די באַװױנער פון גבעון; אַלץ האָבן זײ אײנגענומען מיט מלחמה. 20 װאָרום עס איז געװען פון גאָט, צו שטאַרקן

זייער האַרץ אויף מלחמה מיט ישׂראל, אַז מע זאָל זיי פֿאַרוויסטן, כּדי זיי זאָל ניט זיין קיין לייטזעליקייט, נייערט אַז מע זאָל זיי פֿאַרטיליקן, אַזוי ווי גאָט האָט באַפֿוילן משהן.

[21] און יהושע איז געקומען אין יענער צייט, און האָט פֿאַרשניטן די ענקים פֿון דעם געבערג, פֿון חֶברון, פֿון דביר, פֿון ענָב, און פֿון גאַנצן געבערג פֿון יהודה, און פֿון גאַנצן געבערג פֿון ישׂראל; מיט זייערע שטעט האָט זיי יהושע פֿאַרוויסט. [22] עס זיינען ניט איבערגעבליבן קיין ענָקים אין לאַנד פֿון די קינדער פֿון ישׂראל; נאָר אין עַזָה, אין גַת, און אין אַשדוד, זיינען זיי געבליבן. [23] און יהושע האָט איינגענומען דאָס גאַנצע לאַנד, אַזוי ווי אַלץ וואָס גאָט האָט גערעדט צו משהן; און יהושע האָט עס געגעבן פֿאַר אַ נחלה צו ישׂראל לויט זייערע איינטיילונגען נאָך זייערע שבטים.

און דאָס לאַנד איז געווען רואיק פֿון מלחמה.

## יב

[1] און דאָס זיינען די מלכים פֿון לאַנד וואָס די קינדער פֿון ישׂראל האָבן געשלאָגן, און געאַרבט זייער לאַנד אויף יענער זייט יַרדן, צו זונאויפֿגאַנג, פֿון טאָל אַרנון ביז באַרג חֶרמון, און דעם גאַנצן פּלוין צו מזרח: [2] סיחון דער מלך פֿון אֶמורי וואָס איז געזעסן אין חֶשבון, וואָס האָט געוועלטיקט פֿון עֲרוֹעֵר וואָס ביים בּרעג טאָל אַרנון און אין מיטן טאָל, און איבער האַלב גִלעָד, און ביז דעם טייך יַבּוק, דעם געמאַרק פֿון די קינדער פֿון עַמון, [3] און איבער דעם פּלוין ביזן ים כּנרות, צו מזרח, און ביז דעם ים פֿון פּלוין, דעם ים־הַמֶלַח, צו מזרח, אויפֿן וועג צו בֵּית־ישימות; און אין דָרום, אונטער די אַראָפּגאַנגען פֿון פִּסגָה. [4] און דער געמאַרק פֿון עוג דעם מלך פֿון בָּשָן, פֿון דעם רעשט פֿון די רפָאים, וואָס איז געזעסן אין עַשתָרות, און אין אֶדרֶעִי, [5] און האָט געוועלטיקט איבער באַרג חֶרמון, און איבער סַלכָה, און איבער גאַנץ בָּשָן, ביז דעם געמאַרק פֿון דעם גשורי, און דעם מַעֲכָתי, און איבער האַלב גִלעָד,—דעם געמאַרק פֿון סיחון דעם מלך פֿון חֶשבון. [6] משה דער קנעכט פֿון גאָט, און די קינדער פֿון ישׂראל, האָבן זיי געשלאָגן, און משה דער קנעכט פֿון גאָט האָט עס געגעבן פֿאַר אַן אַרב צו די ראובֵנים, און צו די גָדים, און צום האַלבן שבט מנשה.

[7] און דאָס זיינען די מלכים פֿון לאַנד וואָס יהושע און די קינדער פֿון ישׂראל האָבן געשלאָגן אויף דער זייט יַרדן צו מערב, פֿון בַּעַל־גָד אין טאָל פֿון לבָנון, און ביז דעם גלאַטן באַרג וואָס גייט אַרויף צו שֵׂעִיר; און יהושע האָט עס געגעבן די שבטים פֿון ישׂראל פֿאַר אַן אַרב לויט זייערע איינטיילונגען; [8] אין דעם געבערג, און אין דער נידערונג, און אין דעם פּלוין, און אויף די אַראָפּגאַנגען, און אין מדבר, און אין דעם דָרום; דער חִתִי, דער אֶמורי, און דער כּנַעֲני, דער פּרִזי, דער חִוִי, און דער יבוסי.

לִבָּם לִקְרַאת הַמִּלְחָמָה אֶת־יִשְׂרָאֵל לְמַעַן הַחֲרִימָם
לְבִלְתִּי הֱיוֹת־לָהֶם תְּחִנָּה כִּי לְמַעַן הַשְׁמִידָם כַּאֲשֶׁר צִוָּה
כא יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ וַיָּבֹא יְהוֹשֻׁעַ בָּעֵת הַהִיא וַיַּכְרֵת
אֶת־הָעֲנָקִים מִן־הָהָר מִן־חֶבְרוֹן מִן־דְּבִר מִן־עֲנָב וּמִכֹּל
הַר יְהוּדָה וּמִכֹּל הַר יִשְׂרָאֵל עִם־עָרֵיהֶם הֶחֱרִימָם יְהוֹשֻׁעַ׃
כב לֹא־נוֹתַר עֲנָקִים בְּאֶרֶץ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל רַק בְּעַזָּה בְּגַת
כג וּבְאַשְׁדּוֹד נִשְׁאָרוּ׃ וַיִּקַּח יְהוֹשֻׁעַ אֶת־כָּל־הָאָרֶץ כְּכֹל אֲשֶׁר
דִּבֶּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה וַיִּתְּנָהּ יְהוֹשֻׁעַ לְנַחֲלָה לְיִשְׂרָאֵל
כְּמַחְלְקֹתָם לְשִׁבְטֵיהֶם וְהָאָרֶץ שָׁקְטָה מִמִּלְחָמָה׃

יב

א וְאֵלֶּה ׀ מַלְכֵי הָאָרֶץ אֲשֶׁר הִכּוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל וַיִּרְשׁוּ אֶת־
אַרְצָם בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּנָה מִזְרְחָה הַשָּׁמֶשׁ מִנַּחַל אַרְנוֹן עַד־
ב הַר חֶרְמוֹן וְכָל־הָעֲרָבָה מִזְרָחָה׃ סִיחוֹן מֶלֶךְ הָאֱמֹרִי
הַיּוֹשֵׁב בְּחֶשְׁבּוֹן מֹשֵׁל מֵעֲרוֹעֵר אֲשֶׁר עַל־שְׂפַת־נַחַל אַרְנוֹן
וְתוֹךְ הַנַּחַל וַחֲצִי הַגִּלְעָד וְעַד יַבֹּק הַנַּחַל גְּבוּל בְּנֵי עַמּוֹן׃
ג וְהָעֲרָבָה עַד־יָם כִּנְרוֹת מִזְרָחָה וְעַד יָם הָעֲרָבָה יָם־
הַמֶּלַח מִזְרָחָה דֶּרֶךְ בֵּית הַיְשִׁמוֹת וּמִתֵּימָן תַּחַת אַשְׁדּוֹת
ד הַפִּסְגָּה׃ וּגְבוּל עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן מִיֶּתֶר הָרְפָאִים הַיּוֹשֵׁב
ה בְּעַשְׁתָּרוֹת וּבְאֶדְרֶעִי׃ וּמֹשֵׁל בְּהַר חֶרְמוֹן וּבְסַלְכָה וּבְכָל־
הַבָּשָׁן עַד־גְּבוּל הַגְּשׁוּרִי וְהַמַּעֲכָתִי וַחֲצִי הַגִּלְעָד גְּבוּל
ו סִיחוֹן מֶלֶךְ־חֶשְׁבּוֹן׃ מֹשֶׁה עֶבֶד־יְהוָה וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל הִכּוּם
וַיִּתְּנָהּ מֹשֶׁה עֶבֶד־יְהוָה יְרֻשָּׁה לָראוּבֵנִי וְלַגָּדִי וְלַחֲצִי שֵׁבֶט
ז הַמְנַשֶּׁה׃ וְאֵלֶּה מַלְכֵי הָאָרֶץ אֲשֶׁר הִכָּה יְהוֹשֻׁעַ וּבְנֵי
יִשְׂרָאֵל בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן יָמָּה מִבַּעַל גָּד בְּבִקְעַת הַלְּבָנוֹן
וְעַד־הָהָר הֶחָלָק הָעֹלֶה שֵׂעִירָה וַיִּתְּנָהּ יְהוֹשֻׁעַ לְשִׁבְטֵי
ח יִשְׂרָאֵל יְרֻשָּׁה כְּמַחְלְקֹתָם׃ בָּהָר וּבַשְּׁפֵלָה וּבָעֲרָבָה
וּבָאֲשֵׁדוֹת וּבַמִּדְבָּר וּבַנֶּגֶב הַחִתִּי הָאֱמֹרִי וְהַכְּנַעֲנִי הַפְּרִזִּי
הַחִוִּי וְהַיְבוּסִי׃

מֶלֶךְ יְרִיחוֹ אֶחָד ט
מֶלֶךְ הָעַי אֲשֶׁר־מִצַּד בֵּית־אֵל אֶחָד׃
מֶלֶךְ יְרוּשָׁלַ͏ִם אֶחָד י
מֶלֶךְ חֶבְרוֹן אֶחָד׃
מֶלֶךְ יַרְמוּת אֶחָד יא
מֶלֶךְ לָכִישׁ אֶחָד׃
מֶלֶךְ עֶגְלוֹן אֶחָד יב
מֶלֶךְ גֶּזֶר אֶחָד׃
מֶלֶךְ דְּבִר אֶחָד יג
מֶלֶךְ גֶּדֶר אֶחָד׃
מֶלֶךְ חָרְמָה אֶחָד יד
מֶלֶךְ עֲרָד אֶחָד׃
מֶלֶךְ לִבְנָה אֶחָד טו
מֶלֶךְ עֲדֻלָּם אֶחָד׃
מֶלֶךְ מַקֵּדָה אֶחָד טז
מֶלֶךְ בֵּית־אֵל אֶחָד׃
מֶלֶךְ תַּפּוּחַ אֶחָד יז
מֶלֶךְ חֵפֶר אֶחָד׃
מֶלֶךְ אֲפֵק אֶחָד יח
מֶלֶךְ לַשָּׁרוֹן אֶחָד׃
מֶלֶךְ מָדוֹן אֶחָד יט
מֶלֶךְ חָצוֹר אֶחָד׃
מֶלֶךְ שִׁמְרוֹן מְראוֹן אֶחָד כ
מֶלֶךְ אַכְשָׁף אֶחָד׃
מֶלֶךְ תַּעְנַךְ אֶחָד כא
מֶלֶךְ מְגִדּוֹ אֶחָד׃
מֶלֶךְ קֶדֶשׁ אֶחָד כב

כ׳ לא קרי א

9 דער מלך פון יריחו, איינער;
דער מלך פון עַי וואָס לעבן בֵּית־אֵל, איינער;
10 דער מלך פון ירושָלַיִם, איינער;
דער מלך פון חֶברון, איינער;
11 דער מלך פון יַרמות, איינער;
דער מלך פון לָכיש, איינער;
12 דער מלך פון עֶגלון, איינער;
דער מלך פון גֶזֶר, איינער;
13 דער מלך פון דביר, איינער;
דער מלך פון גֶדֶר, איינער;
14 דער מלך פון חָרמָה, איינער;
דער מלך פון עֲרָד, איינער;
15 דער מלך פון לִבנָה, איינער;
דער מלך פון עֲדולָם, איינער;
16 דער מלך פון מַקֵדָה, איינער;
דער מלך פון בֵּית־אֵל, איינער;
17 דער מלך פון תַּפּוּחַ, איינער;
דער מלך פון חֵפֶר, איינער;
18 דער מלך פון אֲפֵק, איינער;
דער מלך איבערן שָרון, איינער;
19 דער מלך פון מָדון, איינער;
דער מלך פון חָצור, איינער;
20 דער מלך פון שִמרון־מְרון, איינער;
דער מלך פון אַכשָף, איינער;
21 דער מלך פון תַּעֲנַך, איינער;
דער מלך פון מגִדו, איינער;
22 דער מלך פון קֶדֶש, איינער;

דער מלך פון יָקְנְעָם אין כַּרְמֶל, איינער;
23 דער מלך פון דור, אין דער געגנט פון דור, איינער;
דער מלך פון גוֹיִם אין גִלְגָל, איינער;
24 דער מלך פון תִּרְצָה, איינער;
אַלע מלכים, איין און דרייסיק.

# יג

1 און יהוֹשֻעַ איז געוואָרן אַלט און באַטאָגט; און גאָט
האָט צו אים געזאָגט: דו ביסט אַלט און באַטאָגט,
און פון לאַנד איז נאָך געבליבן זייער פיל אײַנצונעמען.
2 דאָס איז דאָס לאַנד וואָס איז נאָך געבליבן: אַלע געגנטן
פון די פּלִשתּים, און דער גאַנצער גשורי, 3 פון דעם שיחור
וואָס פאַר מִצרַיִם, און ביז דעם געמאַרק פון עֶקרוֹן צו
צפון, וואָס ווערט גערעכנט צום כּנַעֲני; די פינף פירשטן
פון די פּלִשתּים, דער עַזָהער, און דער אַשדודער, דער
אַשקלונער, דער גַתער, און דער עֶקרונער; און די עַוִים
4 אין דָרום; דאָס גאַנצע לאַנד פון כּנַעֲני, און מְעָרָה וואָס
געהערט צו די צידונים, ביז אַפֵק, ביז דעם געמאַרק פון
32 פאַר די קינדער פון נפתלי איז אַרויסגעקומען דער זעקסטער גורל; פאַר די קינדער פון נפתלי לויט זייערע משפחות. 33 און זייער געמאַרק איז געווען פון חֵלֶף, פון אַלוֹן־בצַעֲנַנים, און אַדָמִי־נֶקֶב, און יַבנְאֵל, ביז לַקוּם; און זיין אויסלאָז איז געווען דער ירדן. 34 און דער געמאַרק האָט זיך אומגעקערט קיין מערב, צו אַזנוֹת־תָבוֹר, און איז אַרויס פון דאָרטן צו חוקוק, און האָט זיך אָנגעשטויסן אָן זבולון אין דָרום, און אָן אָשר האָט ער זיך אָנגעשטויסן אין מערב, און אָן יהודה ביים ירדן צו זונאויפגאַנג. 35 און די פעסטונגשטעט זיינען געווען צִדים־צֵר, און חַמַת, רַקַת, און כִנֶרֶת; 36 און אַדָמָה, און רָמָה, און חָצוֹר; 37 און קֶדֶש, און אֶדרֶעִי, און עֵין־חָצוֹר; 38 און יִראוֹן, און מִגדַל־אֵל, חָרֵם, און בֵית־עֲנָת, און בֵית־שֶמֶש. ניינצן שטעט מיט זייערע דערפער.

39 דאָס איז די נחלה פון דעם שבט פון די קינדער פון נפתלי לויט זייערע משפחות, די שטעט מיט זייערע דערפער.

40 פאַר דעם שבט פון די קינדער פון דָן לויט זייערע משפחות איז אַרויסגעקומען דער זיבעטער גורל. 41 און דער געמאַרק פון זייער נחלה איז געווען: צָרעָה, און אֶשתָאוֹל, און עִיר־שֶמֶש; 42 און שַעֲלַבִין, און אַיָלוֹן, און יִתלָה; 43 און אֵילוֹן, און תִמנָה, און עֶקרוֹן; 44 און אֶלתְקֵה, און גִבתוֹן, און בַעֲלָת; 45 און יְהוּד, און בְנֵי־בְרַק, און גַת־רִמוֹן; 46 און מֵי־יַרקוֹן, און רַקוֹן, מיט דעם געמאַרק אַקעגן יָפוֹ.

47 און דער געמאַרק פון די קינדער פון דָן איז אויסגעקומען צו ווינציק פאַר זיי; זיינען די קינדער פון דָן אַרויפגעגאַנגען און האָבן מלחמה געהאַלטן מיט לֶשֶם, און האָבן זי באַצוווּנגען, און זי געשלאָגן מיטן שאַרף פון שווערד, און זי געאַרבט, און זיך באַזעצט אין איר; און זיי האָבן גערופן לֶשֶם, דָן, אַזוי ווי דער נאָמען פון זייער פאָטער דָן.

48 דאָס איז די נחלה פון דעם שבט פון די קינדער פון דָן לויט זייערע משפחות, די דאָזיקע שטעט מיט זייערע דערפער.

49 און אַז זיי האָבן געענדיקט מאַכן אַרבן דאָס לאַנד לויט אירע געמאַרקן, האָבן די קינדער פון ישראל געגעבן אַ נחלה צו יהושע דעם זון פון נון, צווישן זיי. 50 לויט דעם מויל פון גאָט האָבן זיי אים געגעבן די שטאָט וואָס ער האָט פאַרלאַנגט, תִמנַת־סֶרַח אין דעם געבערג פון אפרים; און ער האָט באַבויט די שטאָט, און זיך באַזעצט אין איר.

51 דאָס זיינען די נחלות וואָס אֶלעָזָר דער כֹהן, און יהושע דער זון פון נון, און די הויפּטלייט פון די פאָטערהייזער פון די שבטים פון די קינדער פון ישראל, האָבן געמאַכט אַרבן לויט גורל אין שילו פאַר גאָט, ביים אַיינגאַנג פון אוהל־מועד. אַזוי האָבן זיי געענדיקט צעטיילן דאָס לאַנד.

כ 1 און גאָט האָט גערעדט צו יהושוען, אַזוי צו זאָגן: 2 רעד צו די קינדער פון ישראל, אַזוי צו זאָגן:

לֵאמֹר תְּנוּ לָכֶם אֶת־עָרֵי הַמִּקְלָט אֲשֶׁר־דִּבַּרְתִּי אֲלֵיכֶם
ג בְּיַד־מֹשֶׁה׃ לָנוּס שָׁמָּה רוֹצֵחַ מַכֵּה־נֶפֶשׁ בִּשְׁגָגָה בִּבְלִי־
ד דָעַת וְהָיוּ לָכֶם לְמִקְלָט מִגֹּאֵל הַדָּם׃ וְנָס אֶל־אַחַת ׀
מֵהֶעָרִים הָאֵלֶּה וְעָמַד פֶּתַח שַׁעַר הָעִיר וְדִבֶּר בְּאָזְנֵי
זִקְנֵי הָעִיר־הַהִיא אֶת־דְּבָרָיו וְאָסְפוּ אֹתוֹ הָעִירָה אֲלֵיהֶם
ה וְנָתְנוּ־לוֹ מָקוֹם וְיָשַׁב עִמָּם׃ וְכִי יִרְדֹּף גֹּאֵל הַדָּם אַחֲרָיו
וְלֹא־יַסְגִּרוּ אֶת־הָרֹצֵחַ בְּיָדוֹ כִּי בִבְלִי־דַעַת הִכָּה אֶת־רֵעֵהוּ
ו וְלֹא־שֹׂנֵא הוּא לוֹ מִתְּמוֹל שִׁלְשׁוֹם׃ וְיָשַׁב ׀ בָּעִיר הַהִיא
עַד־עָמְדוֹ לִפְנֵי הָעֵדָה לַמִּשְׁפָּט עַד־מוֹת הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל
אֲשֶׁר יִהְיֶה בַּיָּמִים הָהֵם אָז ׀ יָשׁוּב הָרוֹצֵחַ וּבָא אֶל־עִירוֹ
ז וְאֶל־בֵּיתוֹ אֶל־הָעִיר אֲשֶׁר־נָס מִשָּׁם׃ וַיַּקְדִּשׁוּ אֶת־קֶדֶשׁ
בַּגָּלִיל בְּהַר נַפְתָּלִי וְאֶת־שְׁכֶם בְּהַר אֶפְרָיִם וְאֶת־קִרְיַת
ח אַרְבַּע הִיא חֶבְרוֹן בְּהַר יְהוּדָה׃ וּמֵעֵבֶר לְיַרְדֵּן יְרִיחוֹ
מִזְרָחָה נָתְנוּ אֶת־בֶּצֶר בַּמִּדְבָּר בַּמִּישֹׁר מִמַּטֵּה רְאוּבֵן
וְאֶת־רָאמֹת בַּגִּלְעָד מִמַּטֵּה גָד וְאֶת־גּוֹלָן בַּבָּשָׁן מִמַּטֵּה
ט מְנַשֶּׁה׃ אֵלֶּה הָיוּ עָרֵי הַמּוּעָדָה לְכֹל ׀ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְלַגֵּר
הַגָּר בְּתוֹכָם לָנוּס שָׁמָּה כָּל־מַכֵּה־נֶפֶשׁ בִּשְׁגָגָה וְלֹא יָמוּת
בְּיַד גֹּאֵל הַדָּם עַד־עָמְדוֹ לִפְנֵי הָעֵדָה׃

## כא

א וַיִּגְּשׁוּ רָאשֵׁי אֲבוֹת הַלְוִיִּם אֶל־אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן וְאֶל־יְהוֹשֻׁעַ
ב בִּן־נוּן וְאֶל־רָאשֵׁי אֲבוֹת הַמַּטּוֹת לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיְדַבְּרוּ
אֲלֵיהֶם בְּשִׁלֹה בְּאֶרֶץ כְּנַעַן לֵאמֹר יְהוָה צִוָּה בְיַד־מֹשֶׁה
ג לָתֶת־לָנוּ עָרִים לָשָׁבֶת וּמִגְרְשֵׁיהֶן לִבְהֶמְתֵּנוּ׃ וַיִּתְּנוּ בְנֵי־
יִשְׂרָאֵל לַלְוִיִּם מִנַּחֲלָתָם אֶל־פִּי יְהוָה אֶת־הֶעָרִים הָאֵלֶּה
ד וְאֶת־מִגְרְשֵׁיהֶן׃ וַיֵּצֵא הַגּוֹרָל לְמִשְׁפְּחֹת הַקְּהָתִי וַיְהִי
לִבְנֵי אַהֲרֹן הַכֹּהֵן מִן־הַלְוִיִּם מִמַּטֵּה יְהוּדָה וּמִמַּטֵּה
הַשִּׁמְעֹנִי וּמִמַּטֵּה בִנְיָמִן בַּגּוֹרָל עָרִים שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה׃

כ, ח׳ נלן קרי   כא, ג׳ סבירין על־פי

מאַכט אײַך די שטעט פון אַנטרינונג װאָס איך האָב אײַך אָנגעזאָגט דורך משהן, 3 אויף צו אַנטלויפן אַהין, פאַר דעם טויטשלעגער װאָס דערשלאָגט אַ נפש דורך אַ פאַרזע, אָן אַ כּיוון; און זײ זאָלן אײַך זײַן פאַר אַנטרינונג פון דעם בלוטמאָנער. 4 און ער זאָל אַנטלויפן אין אײנער פון די דאָזיקע שטעט, און זיך שטעלן אין אײַנגאַנג פון שטאָטטויער, און רעדן אין די אויערן פון די עלטסטע פון יענער שטאָט זײַנע װערטער, און זײ זאָלן אים אַרײַנ־נעמען צו זיך אין דער שטאָט, און אים געבן אַן אָרט, און ער זאָל זיצן בײַ זײ. 5 און אַז דער בלוטמאָנער װעט אים נאָכיאָגן, זאָלן זײ ניט איבערענטפערן דעם טויטשלעגער אין זײַן האַנט, װאָרום אָן אַ כּיוון האָט ער דערשלאָגן זײַן חבר, און ער איז אים ניט געװען אַ שׂונא פון נעכטן־אײער־נעכטן. 6 און ער זאָל זיצן אין יענער שטאָט, ביז ער שטעלט זיך פאַר דער עדה צום משפּט[א], ביז דעם טויט פון דעם כּהן־גָדול װאָס װעט זײַן אין יענע טעג; דענסמאָל מעג דער טויטשלעגער זיך אומקערן, און קומען אין זײַן שטאָט, און אין זײַן הויז—אין דער שטאָט װאָס ער איז פון דאָרטן אַנטלאָפן.

7 האָבן זײ געהײליקט קֶדֶש אין גָליל, אין דעם גע־בערג פון נפתּלי, און שכֶם אין דעם געבערג פון אפרים, און קִרְיַת־אַרבַּע—דאָס איז חֶברון—אין דעם געבערג פון יהודה. 8 און פון יענער זײַט יַרדן, בײַ יריחו צו מזרח, האָבן זײ אָפּגעגעבן בֶּצֶר אין מדבּר אין דעם פלאַכלאַנד, פון שבט ראובן, און ראָמות אין גִלעָד, פון שבט גָד, און גולָן אין בָּשָן, פון שבט מנשה.

9 דאָס זײַנען געװען די באַשטימטע שטעט פאַר אַלע קינדער פון ישׂראל, און פאַר דעם פרעמדן װאָס האַלט זיך אויף צװישן זײ; אויף צו אַנטלויפן אַהין, פאַר איטלעכן װאָס דערשלאָגט אַ נפש דורך אַ פאַרזע; כּדי ער זאָל ניט שטאַרבן דורך דער האַנט פון דעם בלוטמאָנער, אײדער ער שטעלט זיך פאַר דער עדה.

## כא

1 און די הויפּטלײַט פון די פאָטערהײַזער פון די לוִיִים האָבן גענענט צו אֶלעָזָר דעם כּהן, און צו יהושֻעַ דעם זון פון נון, און צו די הויפּטלײַט פון די פאָטערהײַזער פון די שבטים פון די קינדער פון ישׂראל, 2 און זײ האָבן צו זײ גערעדט אין שילו, אין לאַנד כּנַעַן, אַזױ צו זאָגן: גאָט האָט באַפוילן דורך משהן אונדז צו געבן שטעט צום װױנען, מיט זײערע פרײַע פלעצער פאַר אונדזערע בהמות.

3 האָבן די קינדער פון ישׂראל געגעבן די לוִיִים פון זײער נחלה, לויט דעם מויל פון גאָט, די דאָזיקע שטעט מיט זײערע פרײַע פלעצער.

4 און דער גורל איז אַרויס פאַר די משפּחות פון די קְהָתים; און פאַר די קינדער פון אַהרן דעם כּהן, פון די לוִיִים, זײַנען געװען פון שבט יהודה, און פון שבט פון די שמעונים, און פון שבט בנימין, לויט גורל, דרײַצן שטעט.

[א] ד. ה. און אויב זײַן אומשולד װערט באַװיזן.

וְלִבְנֵי קְהָת הַנּֽוֹתָרִים מִמִּשְׁפְּחֹת מַטֵּֽה־אֶפְרַיִם וּמִמַּטֵּה־ ה
דָן וּמֵחֲצִי מַטֵּה מְנַשֶּׁה בַּגּוֹרָל עָרִים עֶשֶׂר׃ וְלִבְנֵי ו
גֵֽרְשׁוֹן מִמִּשְׁפְּחֹת מַטֵּֽה־יִשָּׂשכָר וּמִמַּטֵּֽה־אָשֵׁר וּמִמַּטֵּה
נַפְתָּלִי וּמֵחֲצִי מַטֵּה מְנַשֶּׁה בַבָּשָׁן בַּגּוֹרָל עָרִים שְׁלֹשׁ
עֶשְׂרֵֽה׃ לִבְנֵי מְרָרִי לְמִשְׁפְּחֹתָם מִמַּטֵּה רְאוּבֵן ז
וּמִמַּטֵּה־גָד וּמִמַּטֵּה זְבוּלֻן עָרִים שְׁתֵּים עֶשְׂרֵֽה׃ וַיִּתְּנוּ ח
בְנֵֽי־יִשְׂרָאֵל לַֽלְוִיִּם אֶת־הֶֽעָרִים הָאֵלֶּה וְאֶת־מִגְרְשֵׁיהֶן
כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה בְּיַד־מֹשֶׁה בַּגּוֹרָֽל׃ וַֽיִּתְּנוּ מִמַּטֵּה ט
בְּנֵי יְהוּדָה וּמִמַּטֵּה בְּנֵי שִׁמְעוֹן אֵת הֶעָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר־
יִקְרָא אֶתְהֶן בְּשֵֽׁם׃ וַֽיְהִי לִבְנֵי אַהֲרֹן מִמִּשְׁפְּחוֹת הַקְּהָתִי י
מִבְּנֵי לֵוִי כִּי לָהֶם הָיָה הַגּוֹרָל רִאישֹׁנָֽה׃ וַיִּתְּנוּ לָהֶם אֶת־ יא
קִרְיַת אַרְבַּע אֲבִי הָעֲנוֹק הִיא חֶבְרוֹן בְּהַר יְהוּדָה וְאֶת־
מִגְרָשֶׁהָ סְבִיבֹתֶֽיהָ׃ וְאֶת־שְׂדֵה הָעִיר וְאֶת־חֲצֵרֶיהָ נָתְנוּ יב
לְכָלֵב בֶּן־יְפֻנֶּה בַּאֲחֻזָּתֽוֹ׃ וְלִבְנֵי ׀ אַהֲרֹן הַכֹּהֵן נָתְנוּ יג
אֶת־עִיר מִקְלַט הָרֹצֵחַ אֶת־חֶבְרוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־
לִבְנָה וְאֶת־מִגְרָשֶֽׁהָ׃ וְאֶת־יַתִּר וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־ יד
אֶשְׁתְּמֹעַ וְאֶת־מִגְרָשֶֽׁהָ׃ וְאֶת־חֹלֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־ טו
דְּבִר וְאֶת־מִגְרָשֶֽׁהָ׃ וְאֶת־עַיִן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־יֻטָּה טז
וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ אֶת־בֵּית שֶׁמֶשׁ וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ עָרִים תֵּשַׁע
מֵאֵת שְׁנֵי הַשְּׁבָטִים הָאֵֽלֶּה׃ וּמִמַּטֵּה בִנְיָמִן אֶת־ יז
גִּבְעוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ אֶת־גֶּבַע וְאֶת־מִגְרָשֶֽׁהָ׃ אֶת־עֲנָתוֹת יח
וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־עַלְמוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ עָרִים אַרְבַּֽע׃
כָּל־עָרֵי בְנֵֽי־אַהֲרֹן הַכֹּהֲנִים שְׁלֹשׁ־עֶשְׂרֵה עָרִים וּמִגְרְשֵׁיהֶֽן׃ יט
וּלְמִשְׁפְּחוֹת בְּנֵֽי־קְהָת הַלְוִיִּם הַנּֽוֹתָרִים מִבְּנֵי קְהָת כ
וַיְהִי עָרֵי גֽוֹרָלָם מִמַּטֵּה אֶפְרָֽיִם׃ וַיִּתְּנוּ לָהֶם אֶת־עִיר כא
מִקְלַט הָרֹצֵחַ אֶת־שְׁכֶם וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ בְּהַר אֶפְרָיִם וְאֶת־
גֶּזֶר וְאֶת־מִגְרָשֶֽׁהָ׃ וְאֶת־קִבְצַיִם וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־בֵּית כב

י׳ ראשנה קרי   טו׳ כצ״ל   יח׳ ס״א הב׳ בקמץ

[5] און פֿאַר די איבעריקע קינדער פֿון קהת, פֿון די משפּחות פֿון שבט אפֿרים, און פֿון שבט דָן, און פֿון האַלבן שבט מנשה, לויט גורל, צען שטעט.

[6] און פֿאַר די קינדער פֿון גרשון, פֿון די משפּחות פֿון שבט יִשָׂשכָר, און פֿון שבט אָשֵר, און פֿון שבט נפֿתּלי, און פֿון דעם האַלבן שבט מנשה אין בָּשָן, לויט גורל, דרײַצן שטעט.

[7] פֿאַר די קינדער פֿון מְרָרי לויט זייערע משפּחות, פֿון שבט ראובן, און פֿון שבט גָד, און פֿון שבט זבולון, צוועלף שטעט.

[8] און די קינדער פֿון ישׂראל האָבן געגעבן די לוִיִים דידאָזיקע שטעט מיט זייערע פֿרײַע פֿלעצער, אַזוי ווי גאָט האָט באַפֿוילן דורך משהן, לויט גורל.

[9] און זיי האָבן געגעבן פֿון דעם שבט פֿון די קינדער פֿון יהודה, און פֿון דעם שבט פֿון די קינדער פֿון שמעון, דידאָזיקע שטעט וואָס מע רופֿט זיי דאָ אָן מיטן נאָמען. [10] און דאָס איז געווען פֿאַר די קינדער פֿון אַהרן, פֿון די משפּחות פֿון די קְהָתִים פֿון די קינדער פֿון לֵוִי; וואָרום זיי האָבן געקריגן דעם גורל צוערשט. [11] און מע האָט זיי געגעבן די שטאָט פֿון אַרבַּעא, דעם פֿאָטער פֿון עֲנָק–דאָס איז חֶברון–אין דעם געבערג פֿון יהודה, מיט אירע פֿרײַע פֿלעצער רונד אַרום איר. [12] אָבער דאָס פֿעלד פֿון דער שטאָט און אירע דערפֿער האָבן זיי געגעבן כָּלֵב דעם זון פֿון יפֿונֶהן פֿאַר זײַן אייגנטום.

[13] און די קינדער פֿון אַהרן דעם כּהן האָבן זיי געגעבן די שטאָט פֿון אַנטרינונג פֿאַרן טויטשלעגער, חֶברון מיט אירע פֿרײַע פֿלעצער, און לִבנָה מיט אירע פֿרײַע פֿלעצער; [14] און יַתִּיר מיט אירע פֿרײַע פֿלעצער, און אֶשְתּמוֹע מיט אירע פֿרײַע פֿלעצער; [15] און חולון מיט אירע פֿרײַע פֿלעצער, און דביר מיט אירע פֿרײַע פֿלעצער; [16] און עַיִן מיט אירע פֿרײַע פֿלעצער, און יוּטָה מיט אירע פֿרײַע פֿלעצער, און בֵּית־שֶמֶש מיט אירע פֿרײַע פֿלעצער. נײַן שטעט פֿון דידאָזיקע צווײ שבטים.

[17] און פֿון שבט בנימין: גִבעוֹן מיט אירע פֿרײַע פֿלעצער, גֶבַע מיט אירע פֿרײַע פֿלעצער; [18] עֲנָתוֹת מיט אירע פֿרײַע פֿלעצער, און עַלמוֹן מיט אירע פֿרײַע פֿלעצער. פֿיר שטעט.

[19] אַלע שטעט פֿון די קינדער פֿון אַהרן, די כּהנים: דרײַצן שטעט מיט זייערע פֿרײַע פֿלעצער.

[20] און פֿאַר די משפּחות פֿון די קינדער פֿון קהת, די לוִיִים, די איבעריקע פֿון די קינדער פֿון קהת– די שטעט פֿון זייער גורל זײַנען געווען פֿון שבט אפֿרים. [21] און מע האָט זיי געגעבן די שטאָט פֿון אַנטרינונג פֿאַרן טויטשלעגער, שְכֶם, מיט אירע פֿרײַע פֿלעצער, אין דעם געבערג פֿון אפֿרים, און גֶזֶר מיט אירע פֿרײַע פֿלעצער; [22] און קִבְצַיִם מיט אירע

א קִרְיַת אַרבַּע.

כג חֹרוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ עָרִים אַרְבַּע׃ וּמִמַּטֵּה־דָן אֶת־
כד אֶלְתְּקֵא וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ אֶת־גִּבְּתוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ׃ אֶת־אַיָּלוֹן
וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ אֶת־גַּת־רִמּוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ עָרִים אַרְבַּע׃
כה וּמִמַּחֲצִית מַטֵּה מְנַשֶּׁה אֶת־תַּעְנַךְ וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־גַּת
כו רִמּוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ עָרִים שְׁתָּיִם׃ כָּל־עָרִים עֶשֶׂר
כז וּמִגְרְשֵׁיהֶן לְמִשְׁפְּחוֹת בְּנֵי־קְהָת הַנּוֹתָרִים׃ וְלִבְנֵי גֵרְשׁוֹן
מִמִּשְׁפְּחֹת הַלְוִיִּם מֵחֲצִי מַטֵּה מְנַשֶּׁה אֶת־עִיר מִקְלַט
הָרֹצֵחַ אֶת־גּוֹלָן בַּבָּשָׁן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־בְּעֶשְׁתְּרָה וְאֶת־
כח מִגְרָשֶׁהָ עָרִים שְׁתָּיִם׃ וּמִמַּטֵּה יִשָּׂשכָר אֶת־קִשְׁיוֹן
כט וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ אֶת־דָּבְרַת וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ׃ אֶת־יַרְמוּת וְאֶת־
מִגְרָשֶׁהָ אֶת־עֵין גַּנִּים וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ עָרִים אַרְבַּע׃
ל וּמִמַּטֵּה אָשֵׁר אֶת־מִשְׁאָל וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ אֶת־עַבְדּוֹן וְאֶת־
לא מִגְרָשֶׁהָ׃ אֶת־חֶלְקָת וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־רְחֹב וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ
לב עָרִים אַרְבַּע׃ וּמִמַּטֵּה נַפְתָּלִי אֶת־עִיר ׀ מִקְלַט הָרֹצֵחַ
אֶת־קֶדֶשׁ בַּגָּלִיל וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־חַמֹּת דֹּאר וְאֶת־
לג מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־קַרְתָּן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ עָרִים שָׁלֹשׁ׃ כָּל־עָרֵי
הַגֵּרְשֻׁנִּי לְמִשְׁפְּחֹתָם שְׁלֹשׁ־עֶשְׂרֵה עִיר וּמִגְרְשֵׁיהֶן׃
לד וּלְמִשְׁפְּחוֹת בְּנֵי־מְרָרִי הַלְוִיִּם הַנּוֹתָרִים מֵאֵת מַטֵּה זְבוּלֻן
לה אֶת־יָקְנְעָם וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ אֶת־קַרְתָּה וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ׃ אֶת־
דִּמְנָה וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ אֶת־נַהֲלָל וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ עָרִים אַרְבַּע׃
לו • וּמִמַּטֵּה־גָד אֶת־עִיר מִקְלַט הָרֹצֵחַ אֶת־רָמֹת
לז בַּגִּלְעָד וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־מַחֲנַיִם וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ׃ אֶת־
חֶשְׁבּוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ אֶת־יַעְזֵר וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ כָּל־עָרִים

כב׳ כד׳ כט׳ לא׳ לה׳ ס״א הב׳ בקמץ
כז׳ גולן קרי · לו׳ בקצת ספרים נמצאו כאן ב׳ פסוקים האלה, לקוחים מדברי הימים א׳ ו׳ פסוק ס״ג וס״ד. וכפי המסורה אינם ראוים להיות. ולמען לא יחסרו לקרוא הצגנום פה בגליון;

*וּמִמַּטֵּה רְאוּבֵן אֶת־בֶּצֶר וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־יַהְצָה וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ׃
אֶת־קְדֵמוֹת וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־מֵיפַעַת וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ עָרִים אַרְבַּע׃

* קמץ בטרחא ** ס״א הב׳ בקמץ

פרייע פלעצער, און בֵּית־חוֹרוֹן מיט אירע פרייע פלעצער. פיר שטעט.

[23] און פון שבט דָן: אֶלתְקֵה מיט אירע פרייע פלעצער, גִבתוֹן מיט אירע פרייע פלעצער; [24] אַיָלוֹן מיט אירע פרייע פלעצער, גַת־רִמוֹן מיט אירע פרייע פלעצער. פיר שטעט.

[25] און פון האַלבן שבט מנשה: תַּעֲנָך מיט אירע פרייע פלעצער, און גַת־רִמוֹן מיט אירע פרייע פלעצער. צוויי שטעט.

[26] אַלע שטעט: צען, מיט זייערע פרייע פלעצער, פאַר די משפחות פון די איבעריקע קינדער פון קְהָת.

[27] און פאַר די קינדער פון גֵרשוֹן, פון די משפחות פון די לְוִיִם, פון האַלבן שבט מנשה; די שטאָט פון אַנטרינונג פאַרן טויטשלעגער, גוֹלָן אין בָּשָן מיט אירע פרייע פלעצער, און בְּעֶשתְּרָה מיט אירע פרייע פלעצער. צוויי שטעט.

[28] און פון שבט יִששכָר: קִשיוֹן מיט אירע פרייע פלעצער, דָבְרַת מיט אירע פרייע פלעצער; [29] יַרמוּת מיט אירע פרייע פלעצער, עֵין־גַנִים מיט אירע פרייע פלעצער. פיר שטעט.

[30] און פון שבט אָשר: מִשְאָל מיט אירע פרייע פלעצער, עַבדוֹן מיט אירע פרייע פלעצער; [31] חֶלקַת מיט אירע פרייע פלעצער, און רחוב מיט אירע פרייע פלעצער. פיר שטעט.

[32] און פון שבט נפתלי: די שטאָט פון אַנטרינונג פאַרן טויטשלעגער, קֶדֶש אין גָליל, מיט אירע פרייע פלעצער, און חַמוֹת־דאר מיט אירע פרייע פלעצער, און קַרתָן מיט אירע פרייע פלעצער. דריי שטעט.

[33] אַלע שטעט פון די גֵרשוּנים לויט זייערע משפחות: דרייצן שטעט מיט זייערע פרייע פלעצער.

[34] און פאַר די משפחות פון די קינדער פון מְרָרִי, די איבעריקע לְוִיִם, פון שבט זבולון: יָקנְעָם מיט אירע פרייע פלעצער, קַרתָה מיט אירע פרייע פלעצער, [35] דִמנָה מיט אירע פרייע פלעצער, נַהֲלָל מיט אירע פרייע פלעצער. פיר שטעט.

[36] און פון שבט ראובן: בֶּצֶר מיט אירע פרייע פלעצער, און יַהצָה מיט אירע פרייע פלעצער; [37] קְדֵמוֹת מיט אירע פרייע פלעצער, און מֵיפַעַת מיט אירע פרייע פלעצער. פיר שטעט[א].

א פסוקים 36–37, קענטיק צוגעשטעלט לויט דברי הימים א׳ ו, 63–64, געפינען זיך אין אַ סך ספרים. אין דעם מסורהשן טעקסט זיינען זיי ניטאָ.

אַרְבַּע׃ כָּל־הֶעָרִים לִבְנֵי מְרָרִי לְמִשְׁפְּחֹתָם הַנּוֹתָרִים לח
מִמִּשְׁפְּחוֹת הַלְוִיִּם וַיְהִי גּוֹרָלָם עָרִים שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה׃ כֹּל לט
עָרֵי הַלְוִיִּם בְּתוֹךְ אֲחֻזַּת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל עָרִים אַרְבָּעִים וּשְׁמֹנֶה
וּמִגְרְשֵׁיהֶן׃ תִּהְיֶינָה הֶעָרִים הָאֵלֶּה עִיר עִיר וּמִגְרָשֶׁיהָ מ
סְבִיבֹתֶיהָ כֵּן לְכָל־הֶעָרִים הָאֵלֶּה׃ וַיִּתֵּן יְהוָה לְיִשְׂרָאֵל מא
אֶת־כָּל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לָתֵת לַאֲבוֹתָם וַיִּרָשׁוּהָ וַיֵּשְׁבוּ
בָהּ׃ וַיָּנַח יְהוָה לָהֶם מִסָּבִיב כְּכֹל אֲשֶׁר־נִשְׁבַּע לַאֲבוֹתָם מב
וְלֹא־עָמַד אִישׁ בִּפְנֵיהֶם מִכָּל־אֹיְבֵיהֶם אֵת כָּל־אֹיְבֵיהֶם
נָתַן יְהוָה בְּיָדָם׃ לֹא־נָפַל דָּבָר מִכֹּל הַדָּבָר הַטּוֹב אֲשֶׁר־ מג
דִּבֶּר יְהוָה אֶל־בֵּית יִשְׂרָאֵל הַכֹּל בָּא׃

כב

אָז יִקְרָא יְהוֹשֻׁעַ לָרְאוּבֵנִי וְלַגָּדִי וְלַחֲצִי מַטֵּה מְנַשֶּׁה׃ א
וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם אַתֶּם שְׁמַרְתֶּם אֵת כָּל־אֲשֶׁר צִוָּה אֶתְכֶם ב
מֹשֶׁה עֶבֶד יְהוָה וַתִּשְׁמְעוּ בְקוֹלִי לְכֹל אֲשֶׁר־צִוִּיתִי אֶתְכֶם׃
לֹא־עֲזַבְתֶּם אֶת־אֲחֵיכֶם זֶה יָמִים רַבִּים עַד הַיּוֹם הַזֶּה ג
וּשְׁמַרְתֶּם אֶת־מִשְׁמֶרֶת מִצְוַת יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ וְעַתָּה הֵנִיחַ ד
יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם לַאֲחֵיכֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר לָהֶם וְעַתָּה פְּנוּ וּלְכוּ
לָכֶם לְאָהֳלֵיכֶם אֶל־אֶרֶץ אֲחֻזַּתְכֶם אֲשֶׁר ׀ נָתַן לָכֶם מֹשֶׁה
עֶבֶד יְהוָה בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן׃ רַק ׀ שִׁמְרוּ מְאֹד לַעֲשׂוֹת אֶת־ ה
הַמִּצְוָה וְאֶת־הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה אֶתְכֶם מֹשֶׁה עֶבֶד־יְהוָה
לְאַהֲבָה אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם וְלָלֶכֶת בְּכָל־דְּרָכָיו וְלִשְׁמֹר
מִצְוֹתָיו וּלְדָבְקָה־בוֹ וּלְעָבְדוֹ בְּכָל־לְבַבְכֶם וּבְכָל־נַפְשְׁכֶם׃
וַיְבָרְכֵם יְהוֹשֻׁעַ וַיְשַׁלְּחֵם וַיֵּלְכוּ אֶל־אָהֳלֵיהֶם׃ וְלַחֲצִי ׀ ו ז
שֵׁבֶט הַמְנַשֶּׁה נָתַן מֹשֶׁה בַּבָּשָׁן וּלְחֶצְיוֹ נָתַן יְהוֹשֻׁעַ עִם־
אֲחֵיהֶם מֵעֵבֶר* הַיַּרְדֵּן יָמָּה וְגַם כִּי שִׁלְּחָם יְהוֹשֻׁעַ אֶל־
אָהֳלֵיהֶם וַיְבָרְכֵם׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם לֵאמֹר בִּנְכָסִים רַבִּים ח
שׁוּבוּ אֶל־אָהֳלֵיכֶם וּבְמִקְנֶה רַב־מְאֹד בְּכֶסֶף וּבְזָהָב

כא, לז, ס״א הב׳ בקמץ    כב, ד׳ כא וסעו    *ו׳ בעבר קרי

[38] און פון שבט גָד: די שטאָט פון אַנטרינונג פאַרן טויטשלעגער, רָמוֹת אין גִלעָד, מיט אירע פרייע פּלעצער, און מַחנַיִם מיט אירע פרייע פּלעצער; [39] חֶשבּוֹן מיט אירע פרייע פּלעצער, יַעזֵר מיט אירע פרייע פּלעצער. אַלע שטעט: פיר.

[40] די אַלע שטעט זיינען געווען פאַר די קינדער פון מְרָרִי לויט זייערע משפחות—די איבעריקע פון די משפחות פון די לְוִיִים; און זייער גורל איז געווען צוועלף שטעט.

[41] אַלע שטעט פון די לְוִיִים אין מיטן פון דעם אייגנ־טום פון די קינדער פון ישׂראל זיינען געווען אַכט און פערציק שטעט מיט זייערע פרייע פּלעצער. [42] די דאָזיקע שטעט זיינען געווען שטאָט און שטאָט מיט אירע פרייע פּלעצער רונד אַרום איר; אַזוי ביי אַלע די דאָזיקע שטעט.

[43] און גאָט האָט געגעבן צו ישׂראל דאָס גאַנצע לאַנד וואָס ער האָט געשוואָרן צו געבן זייערע עלטערן; און זיי האָבן עס גענאַרבט, און זיך באַזעצט דערין. [44] און גאָט האָט זיי באַרוּט פון רונד אַרום, אַזוי ווי אַלץ וואָס ער האָט געשוואָרן זייערע עלטערן; און קיינער פון אַלע זייערע פיינט איז ניט באַשטאַנען פאַר זיי; אַלע זייערע פיינט האָט גאָט געגעבן אין זייער האַנט. [45] ניט אַ וואָרט איז אָפּגעפאַלן פון אַלדעם גוּטן צוזאָג וואָס גאָט האָט צו־געזאָגט דעם הויז פון ישׂראל; אַלץ איז אָנגעקומען.

כב [1] דענסמאָל האָט יהוֹשוּעַ גערופן די ראוּבֵנים, און די גָדים, און דעם האַלבן שבט מנשה. [2] און ער האָט צו זיי געזאָגט: איר האָט געהיט אַלץ וואָס משה דער קנעכט פון גאָט האָט אייך באַפוילן, און איר האָט צו־געהערט צו מיין קָול, אין אַלץ וואָס איך האָב אייך באַפוילן. [3] איר האָט ניט פאַרלאָזט אייערע ברידער די דאָזיקע פיל טעג ביז אויף היינטיקן טאָג, און איר האָט געהיט די היטונג פון דעם געבאָט פון יהוה אייער גאָט. [4] און אַצונד האָט יהוה אייער גאָט באַרוּט אייערע ברידער, אַזוי ווי ער האָט זיי צוגעזאָגט; דרום קערט אייך אום אַצונד, און גייט אייך צו אייערע געצעלטן, צום לאַנד פון אייער אייגנטום וואָס משה דער קנעכט פון גאָט האָט אייך געגעבן אויף יענער זייט יַרדֵן. [5] אָבער היט זייער צו טאָן דאָס געבאָט, און די תּורה, וואָס משה דער קנעכט פון גאָט האָט אייך געבאָטן, ליב צו האָבן יהוה אייער גאָט, און צו גיין אין אַלע זיינע וועגן, און צו היטן זיינע געבאָט, און זיך צו באַהעפטן אָן אים, און אים צו דינען מיט אייער גאַנצן האַרצן, און מיט אייער גאַנצער זעל.

[6] און יהוֹשוּעַ האָט זיי געבענטשט, און האָט זיי אַוועקגעשיקט, און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען צו זייערע געצעלטן.

[7] און צו אַ האַלבן שבט מנשה האָט משה געגעבן אין בָּשָן; נאָר צום אַנדער האַלבן האָט יהוֹשוּעַ געגעבן מיט זייערע ברידער אויף דער זייט יַרדֵן צו מערב. און אַז יהוֹשוּעַ האָט זיי אַוועקגעשיקט צו זייערע געצעלטן, האָט ער זיי אויך געבענטשט, [8] און ער האָט צו זיי געזאָגט, אַזוי צו זאָגן: מיט פיל גוטס קערט אייך אום צו אייערע געצעלטן, און מיט זייער

פיל פי, מיט זילבער, און מיט גאָלד, און מיט קופּער,
און מיט אײַזן, און מיט קליידער זייער פיל; צעטיילט
דעם רויב פון אײַערע פיינט מיט אײַערע ברידער.
[9] האָבן די קינדער פון ראובן, און די קינדער פון
גָד, און דער האַלבער שבט מנשה, זיך אומגעקערט, און
זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען פון די קינדער פון ישראל, פון
שילו וואָס אין לאַנד כּנַעַן, צו גיין קיין לאַנד גִלעָד, צום
לאַנד פון זייער אייגנטום, וואָס זיי האָבן זיך דערין באַ־
זעצט לויט דעם מויל פון גאָט דורך משהן. [10] און אַז זיי
זיינען געקומען צו די געגנטן פון יַרדן וואָס אין לאַנד כּנַעַן,
האָבן די קינדער פון ראובן, און די קינדער פון גָד, און
דער האַלבער שבט מנשה, דאָרטן געבויט אַ מזבח ביים
יַרדן, אַ גרויסן מזבח אויף אָנצוקוקן.
[11] האָבן די קינדער פון ישראל געהערט, אַזוי צו
זאָגן: זעט, די קינדער פון ראובן, און די קינדער פון גָד,
און דער האַלבער שבט מנשה, האָבן געבויט אַ מזבח
אַנטקעגן לאַנד כּנַעַן, אין די געגנטן פון יַרדן, צו דער זייט
פון די קינדער פון ישראל. [12] און ווי די קינדער פון
ישראל האָבן דערהערט, אַזוי האָט די גאַנצע עדה פון
די קינדער פון ישראל זיך איינגעזאַמלט קיין שילו אַרויפֿ־
צוגיין אַקעגן זיי אויף מלחמה. [13] און די קינדער פון
ישראל האָבן געשיקט צו די קינדער פון ראובן, און צו
די קינדער פון גָד, און צום האַלבן שבט מנשה, קיין לאַנד גִלעָד, פּינחס דעם זון פון אֶלעָזָר דעם כּהן, [14] און מיט
אים צען פירשטן, צו איין פירשט, צו איין פירשט פון אַ פאָטערהויז פון אַלע שבטים פון ישראל; און זיי זיינען
איטלעכער געווען דער הויפּט פון זייער פאָטערהויז ביי די טויזנטן פון ישראל. [15] און זיי זיינען געקומען צו די
קינדער פון ראובן, און צו די קינדער פון גָד, און צום האַלבן שבט מנשה, קיין לאַנד גִלעָד, און זיי האָבן מיט זיי גערעדט,
אַזוי צו זאָגן: [16] אַזוי האָט געזאָגט די גאַנצע עדה פון יהוה: וואָס איז די דאָזיקע פעלשונג וואָס איר האָט געפעלשט אָן דעם
גאָט פון ישראל, זיך אָפּצוקערן היינט פון הינטער יהוה, מיט אײַער בויען פאַר זיך אַ מזבח, כּדי איר זאָלט היינט ווידער־
שפּעניקן אָן יהוה? [17] איז אונדז ווייניק די זינד פון פְּעוֹר, וואָס מיר האָבן זיך נאָך פון איר ניט געריינִיקט ביז אויף היינטיקן
טאָג, און [וואָס איבער איר] איז געווען אַ מגפה אויף דער עדה פון יהוה, [18] אַז איר קערט אײַך היינט אָפּ פון הינטער יהוה?
און עס וועט זיין: איר וועט ווידערשפּעניקן היינט אָן יהוה, און מאָרגן וועט ער צערענען אויף דער גאַנצער עדה פון
ישראל. [19] אויב ווידער דאָס לאַנד פון אײַער אייגנטום איז אומריין, קומט אײַך אַריבער אין דעם לאַנד פון יהוהס אייגנ־
טום, וואָס דאָרטן רוט דער משכן פון יהוה, און באַזעצט אײַך צווישן אונדז, נאָר אָן יהוה זאָלט איר ניט ווידערשפּעניקן,
און אונדז זאָלט איר ניט ווידערשפּעניקן, מיט אײַער בויען פאַר זיך אַ מזבח, אַחוץ דעם מזבח פון יהוה אונדזער גאָט.
[20] האָט ניט עָכָן דער זון פון זֶרַח געפעלשט אַ פעלשונג מיט דעם חרם, און אויף דער גאַנצער עדה פון ישראל איז געווען

וּבִנְחֹשֶׁת וּבְבַרְזֶל וּבִשְׂלָמוֹת הַרְבֵּה מְאֹד חִלְקוּ שְׁלַל
ט אֹיְבֵיכֶם עִם־אֲחֵיכֶם׃ וַיָּשֻׁבוּ וַיֵּלְכוּ בְּנֵי־רְאוּבֵן וּבְנֵי־
גָד וַחֲצִי ׀ שֵׁבֶט הַמְנַשֶּׁה מֵאֵת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִשִּׁלֹה אֲשֶׁר
בְּאֶרֶץ־כְּנָעַן לָלֶכֶת אֶל־אֶרֶץ הַגִּלְעָד אֶל־אֶרֶץ אֲחֻזָּתָם
י אֲשֶׁר נֹאחֲזוּ־בָהּ עַל־פִּי יְהוָה בְּיַד־מֹשֶׁה׃ וַיָּבֹאוּ אֶל־
גְּלִילוֹת הַיַּרְדֵּן אֲשֶׁר בְּאֶרֶץ כְּנָעַן וַיִּבְנוּ בְנֵי־רְאוּבֵן וּבְנֵי־
גָד וַחֲצִי שֵׁבֶט הַמְנַשֶּׁה שָׁם מִזְבֵּחַ עַל־הַיַּרְדֵּן מִזְבֵּחַ גָּדוֹל
יא לְמַרְאֶה׃ וַיִּשְׁמְעוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר הִנֵּה בָנוּ בְנֵי־רְאוּבֵן
וּבְנֵי־גָד וַחֲצִי שֵׁבֶט הַמְנַשֶּׁה אֶת־הַמִּזְבֵּחַ אֶל־מוּל אֶרֶץ
יב כְּנַעַן אֶל־גְּלִילוֹת הַיַּרְדֵּן אֶל־עֵבֶר בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּשְׁמְעוּ
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיִּקָּהֲלוּ כָּל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל שִׁלֹה לַעֲלוֹת
יג עֲלֵיהֶם לַצָּבָא׃ וַיִּשְׁלְחוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶל־בְּנֵי־רְאוּבֵן
וְאֶל־בְּנֵי־גָד וְאֶל־חֲצִי שֵׁבֶט־מְנַשֶּׁה אֶל־אֶרֶץ הַגִּלְעָד אֶת־
יד פִּינְחָס בֶּן־אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן׃ וַעֲשָׂרָה נְשִׂאִים עִמּוֹ נָשִׂיא אֶחָד
נָשִׂיא אֶחָד לְבֵית אָב לְכֹל מַטּוֹת יִשְׂרָאֵל וְאִישׁ רֹאשׁ
טו בֵּית־אֲבוֹתָם הֵמָּה לְאַלְפֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיָּבֹאוּ אֶל־בְּנֵי־רְאוּבֵן
וְאֶל־בְּנֵי־גָד וְאֶל־חֲצִי שֵׁבֶט־מְנַשֶּׁה אֶל־אֶרֶץ הַגִּלְעָד וַיְדַבְּרוּ
טז אִתָּם לֵאמֹר׃ כֹּה אָמְרוּ כֹּל ׀ עֲדַת יְהוָה מָה־הַמַּעַל
הַזֶּה אֲשֶׁר מְעַלְתֶּם בֵּאלֹהֵי יִשְׂרָאֵל לָשׁוּב הַיּוֹם מֵאַחֲרֵי
יְהוָה בִּבְנוֹתְכֶם לָכֶם מִזְבֵּחַ לִמְרָדְכֶם הַיּוֹם בַּיהוָה׃
יז הַמְעַט־לָנוּ אֶת־עֲוֹן פְּעוֹר אֲשֶׁר לֹא־הִטַּהַרְנוּ מִמֶּנּוּ עַד
יח הַיּוֹם הַזֶּה וַיְהִי הַנֶּגֶף בַּעֲדַת יְהוָה׃ וְאַתֶּם תָּשֻׁבוּ הַיּוֹם
מֵאַחֲרֵי יְהוָה וְהָיָה אַתֶּם תִּמְרְדוּ הַיּוֹם בַּיהוָה וּמָחָר אֶל־
יט כָּל־עֲדַת יִשְׂרָאֵל יִקְצֹף׃ וְאַךְ אִם־טְמֵאָה אֶרֶץ אֲחֻזַּתְכֶם
עִבְרוּ לָכֶם אֶל־אֶרֶץ אֲחֻזַּת יְהוָה אֲשֶׁר שָׁכַן־שָׁם מִשְׁכַּן
יְהוָה וְהֵאָחֲזוּ בְּתוֹכֵנוּ וּבַיהוָה אַל־תִּמְרֹדוּ וְאֹתָנוּ אַל־
תִּמְרֹדוּ בִּבְנֹתְכֶם לָכֶם מִזְבֵּחַ מִבַּלְעֲדֵי מִזְבַּח יְהוָה
כ אֱלֹהֵינוּ׃ הֲלוֹא ׀ עָכָן בֶּן־זֶרַח מָעַל מַעַל בַּחֵרֶם וְעַל־

כָּל־עֲדַת יִשְׂרָאֵל הָיָה קָצֶף וְהוּא אִישׁ אֶחָד לֹא גָוַע
בַּעֲוֺנוֹ׃ וַיַּעֲנוּ בְּנֵי־רְאוּבֵן וּבְנֵי־גָד וַחֲצִי שֵׁבֶט הַמְנַשֶּׁה כא
וַיְדַבְּרוּ אֶת־רָאשֵׁי אַלְפֵי יִשְׂרָאֵל׃ אֵל ׀ אֱלֹהִים ׀ יְהוָה כב
אֵל ׀ אֱלֹהִים ׀ יְהוָה הוּא יֹדֵעַ וְיִשְׂרָאֵל הוּא יֵדָע אִם־
בְּמֶרֶד וְאִם־בְּמַעַל בַּיהוָה אַל־תּוֹשִׁיעֵנוּ הַיּוֹם הַזֶּה׃ לִבְנוֹת כג
לָנוּ מִזְבֵּחַ לָשׁוּב מֵאַחֲרֵי יְהוָה וְאִם־לְהַעֲלוֹת עָלָיו עוֹלָה
וּמִנְחָה וְאִם־לַעֲשׂוֹת עָלָיו זִבְחֵי שְׁלָמִים יְהוָה הוּא יְבַקֵּשׁ׃
וְאִם־לֹא מִדְּאָגָה מִדָּבָר עָשִׂינוּ אֶת־זֹאת לֵאמֹר מָחָר כד
יֹאמְרוּ בְנֵיכֶם לְבָנֵינוּ לֵאמֹר מַה־לָּכֶם וְלַיהוָה אֱלֹהֵי
יִשְׂרָאֵל׃ וּגְבוּל נָתַן־יְהוָה בֵּינֵנוּ וּבֵינֵיכֶם בְּנֵי־רְאוּבֵן וּבְנֵי־ כה
גָד אֶת־הַיַּרְדֵּן אֵין־לָכֶם חֵלֶק בַּיהוָה וְהִשְׁבִּיתוּ בְנֵיכֶם
אֶת־בָּנֵינוּ לְבִלְתִּי יְרֹא אֶת־יְהוָה׃ וַנֹּאמֶר נַעֲשֶׂה־נָּא לָנוּ כו
לִבְנוֹת אֶת־הַמִּזְבֵּחַ לֹא לְעוֹלָה וְלֹא לְזָבַח׃ כִּי עֵד הוּא כז
בֵּינֵינוּ וּבֵינֵיכֶם וּבֵין דֹּרוֹתֵינוּ אַחֲרֵינוּ לַעֲבֹד אֶת־עֲבֹדַת
יְהוָה לְפָנָיו בְּעֹלוֹתֵינוּ וּבִזְבָחֵינוּ וּבִשְׁלָמֵינוּ וְלֹא־יֹאמְרוּ
בְנֵיכֶם מָחָר לְבָנֵינוּ אֵין־לָכֶם חֵלֶק בַּיהוָה׃ וַנֹּאמֶר וְהָיָה כח
כִּי־יֹאמְרוּ אֵלֵינוּ וְאֶל־דֹּרֹתֵינוּ מָחָר וְאָמַרְנוּ רְאוּ אֶת־
תַּבְנִית מִזְבַּח יְהוָה אֲשֶׁר־עָשׂוּ אֲבוֹתֵינוּ לֹא לְעוֹלָה וְלֹא
לְזֶבַח כִּי־עֵד הוּא בֵּינֵינוּ וּבֵינֵיכֶם׃ חָלִילָה לָּנוּ מִמֶּנּוּ כט
לִמְרֹד בַּיהוָה וְלָשׁוּב הַיּוֹם מֵאַחֲרֵי יְהוָה לִבְנוֹת מִזְבֵּחַ
לְעֹלָה לְמִנְחָה וּלְזָבַח מִלְּבַד מִזְבַּח יְהוָה אֱלֹהֵינוּ אֲשֶׁר
לִפְנֵי מִשְׁכָּנוֹ׃ וַיִּשְׁמַע פִּינְחָס הַכֹּהֵן וּנְשִׂיאֵי הָעֵדָה ל
וְרָאשֵׁי אַלְפֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר אִתּוֹ אֶת־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר
דִּבְּרוּ בְנֵי־רְאוּבֵן וּבְנֵי־גָד וּבְנֵי מְנַשֶּׁה וַיִּיטַב בְּעֵינֵיהֶם׃
וַיֹּאמֶר פִּינְחָס בֶּן־אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן אֶל־בְּנֵי רְאוּבֵן וְאֶל־ לא
בְּנֵי־גָד וְאֶל־בְּנֵי מְנַשֶּׁה הַיּוֹם ׀ יָדַעְנוּ כִּי־בְתוֹכֵנוּ יְהוָה
אֲשֶׁר לֹא־מְעַלְתֶּם בַּיהוָה הַמַּעַל הַזֶּה אָז הִצַּלְתֶּם אֶת־
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִיַּד יְהוָה׃ וַיָּשָׁב פִּינְחָס בֶּן־אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן ׀ לב

דער צאָרן? און ניט יענער מאַן אַליין איז אומגעקומען פאַר זיין זינד.

[21] האָבן געענטפערט די קינדער פון ראובן, און די קינדער פון גד, און דער האַלבער שבט מנשה, און זיי האָבן גערעדט צו די הויפּטלייט פון די טויזנטן פון ישׂראל: [22] דער גאָט פון געטער יהוה, דער גאָט פון געטער יהוה, ער ווייס, און ישׂראל, ער זאָל וויסן! אויב דאָס איז אין ווידערשפּעניקייט אָדער אויב אין פעלשונג אָן יהוה— זאָלסט אונדז ניט העלפן היינטיקן טאָג!— [23] אונדז צו בויען אַ מזבח כּדי זיך אָפּצוקערן פון הינטער יהוה, אָדער אויב אויפצוברענגען אויף אים בראַנדאָפּפער און שפּייז אָפּפער, אָדער אויב צו מאַכן אויף אים פרידאָפּפער, זאָל יהוה אַליין אויפמאָנען! [24] און אויב מיר האָבן עס ניט געטאָן בלויז פון זאָרג וועגן אַ זאַך, אַזוי צו זאָגן: מאָרגן וועלן אייערע קינדער זאָגן צו אונדזערע קינדער, אַזוי צו זאָגן: וואָס קערט איר אײַך אָן מיט יהוה דעם גאָט פון ישׂראל? [25] וואָרום אַ געמאַרק האָט יהוה געמאַכט צווישן אונדז און צווישן אײַך, קינדער פון ראובן, און קינדער פון גד, דעם ירדן; איר האָט ניט קיין חלק אין יהוה. און אייערע קינדער וועלן שטערן אונדזערע קינדער—ניט צו פאָרכטן יהוה. [26] האָבן מיר געזאָגט: לאָמיר זיך אָקאָרשט באַוואָרענען צו בויען דעם מזבח, ניט פאַר בראַנדאָפּפער, און ניט פאַר שלאַכטאָפּפער; [27] נייערט ער זאָל זיין אַן עדות צווישן אונדז און צווישן אײַך, און צווישן אונדזערע דורות נאָך אונדז: צו דינען דעם דינסט פון יהוה פאַר אים מיט אונדזערע בראַנדאָפּפער, און מיט אונדזערע שלאַכטאָפּפער, און מיט אונדזערע פרידאָפּפער, און אייערע קינדער זאָלן מאָרגן ניט זאָגן צו אונדזערע קינדער: איר האָט ניט קיין חלק אין יהוה. [28] און מיר האָבן געזאָגט: אויב עס וועט געשען, אַז זיי וועלן דאָס זאָגן צו אונדז אָדער צו אונדזערע דורות שפּעטער אַהין, וועלן מיר זאָגן: זעט דעם בוי פון דעם מזבח פון יהוה, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן געמאַכט, ניט פאַר בראַנדאָפּפער, און ניט פאַר שלאַכטאָפּפער; נייערט אַן עדות איז ער צווישן אונדז און צווישן אײַך. [29] חלילה אונדז צו ווידערשפּעניקן אָן יהוה, און זיך אָפּצוקערן היינט פון הינטער יהוה, צו בויען אַ מזבח פאַר בראַנדאָפּפער, פאַר שפּייזאָפּפער, און פאַר שלאַכטאָפּפער, אַחוץ דעם מזבח פון יהוה אונדזער גאָט, וואָס פאַר זיין משכּן!

[30] און ווי פּינחס דער כּהן, און די פירשטן פון דער עדה, די הויפּטלייט פון די טויזנטן פון ישׂראל וואָס מיט אים, האָבן געהערט די ווערטער וואָס די קינדער פון ראובן, און די קינדער פון גד, און די קינדער פון מנשה, האָבן גערעדט, איז דאָס וווילגעפעלן אין זייערע אויגן. [31] און פּינחס דער זון פון אֶלעָזר דעם כּהן האָט געזאָגט צו די קינדער פון ראובן, און צו די קינדער פון גד, און צו די קינדער פון מנשה: היינט ווייסן מיר, אַז צווישן אונדז איז גאָט; וואָרום איר האָט ניט געפעלשט אָן גאָט דידאָזיקע פעלשונג; אַצונד האָט איר מציל געווען די קינדער פון ישׂראל פון דער האַנט פון גאָט.

[32] און פּינחס דער זון פון אֶלעָזר דעם כּהן, און די פירשטן, האָבן זיך אומגעקערט פון די קינדער פון

ראובן, און פון די קינדער פון גד, פון לאַנד גלעד, קיין
לאַנד כנען צו די קינדער פון ישראל, און זיי האָבן זיי
געבראַכט אַן ענטפער. 33 און דער ענטפער איז ווויל־
געפעלן אין די אויגן פון די קינדער פון ישראל און די
קינדער פון ישראל האָבן געלויבט גאָט, און האָבן מער
ניט גערעדט וועגן אַרויפגיין אַקעגן זיי אויף מלחמה, צו
פאַרוויסטן דאָס לאַנד וואָס די קינדער פון ראובן און די
קינדער פון גד זיצן דערין.

34 און די קינדער פון ראובן און די קינדער פון גד
האָבן גערופן דעם מזבח......, ווייל: „אַן עדות איז ער
צווישן אונדז אַז יהוה איז גאָט".

## כג

1 און עס איז געווען אין פיל טעג אַרום, נאָכדעם
אַז גאָט האָט באַרוט ישראל פון אַלע זייערע פיינט
פון רונד אַרום, און יהושע איז געוואָרן אַלט און באַטאָגט,
2 האָט יהושע גערופן גאַנץ ישראל, זייערע עלטסטע,
און זייערע הויפּטלייט, און זייערע ריכטער, און זייערע
אויפזעער, און האָט צו זיי געזאָגט: איך בין אַלט און באַ־
טאָגט. 3 און איר האָט געזען אַלץ וואָס יהוה אייער גאָט
האָט געטאָן צו אַלע די דאָזיקע פעלקער פון אייערטוועגן;
וואָרום יהוה אייער גאָט איז דער וואָס האָט מלחמה גע־
האַלטן פאַר אייך. 4 זעט, איך האָב אייך אויסגעוואָרפן
די דאָזיקע געבליבענע פעלקער פאַר אַ נחלה לויט אייערע שבטים; פון ירדן, מיט אַלע פעלקער וואָס איך
האָב פאַרשניטן, און ביזן ים־הגדול צו זונאונטערגאַנג. 5 און יהוה אייער גאָט, ער וועט זיי אַרויסשטויסן פון פאַר
אייך, און וועט זיי פאַרטרייבן פון אייער אָנגעזיכט, און איר וועט אַרבן זייער לאַנד, אַזוי ווי יהוה אייער גאָט האָט
אייך צוגעזאָגט. 6 דרום זאָלט איר זיין זייער שטאַרק צו היטן און צו טאָן אַלץ וואָס שטייט געשריבן אין בוך פון תורת־
משה, זיך ניט אָפּצוקערן דערפון רעכטס אָדער לינקס, 7 ניט צו קומען צווישן די דאָזיקע פעלקער, די דאָזיקע וואָס זיינען
געבליבן ביי אייך. און דעם נאָמען פון זייערע געטער זאָלט איר ניט דערמאָנען, און ניט לאָזן שווערן ביי זיי, און
זיי ניט דינען, און זיך ניט בוקן צו זיי. 8 נאָר בלויז אָן יהוה אייער גאָט זאָלט איר אייך באַהעפטן, אַזוי ווי איר האָט געטאָן
ביז היינטיקן טאָג, 9 וואָס דערפאַר האָט יהוה פאַרטריבן פון פאַר אייך גרויסע און מאַכטיקע פעלקער; און איר—קיינער
איז ניט באַשטאַנען פאַר אייך ביז היינטיקן טאָג. 10 איין מאַן פון אייך האָט געיאָגט טויזנט; וואָרום יהוה אייער
גאָט איז דער וואָס האָט מלחמה געהאַלטן פאַר אייך, אַזוי ווי ער האָט אייך צוגעזאָגט. 11 דרום זאָלט איר זייער היטן
אייער זעל, ליב צו האָבן יהוה אייער גאָט. 12 וואָרום אויב אָפּקערן וועט איר אייך אָפּקערן, און איר וועט אייך

והנשיאים מאת בני־ראובן ומאת בני־גד מארץ הגלעד
לג אל־ארץ כנען אל־בני ישראל וישבו אותם דבר: וייטב
הדבר בעיני בני ישראל ויברכו אלהים בני ישראל ולא
אמרו לעלות עליהם לצבא לשחת את־הארץ אשר בני־
לד ראובן ובני־גד ישבים בה: ויקראו בני־ראובן ובני־גד
למזבח כי עד הוא בינתינו כי יהוה האלהים:

כג

א ויהי מימים רבים אחרי אשר־הניח יהוה לישראל מכל־
ב איביהם מסביב ויהושע זקן בא בימים: ויקרא יהושע
לכל־ישראל לזקניו ולראשיו ולשפטיו ולשטריו ויאמר
ג אלהם אני זקנתי באתי בימים: ואתם ראיתם את כל־
אשר עשה יהוה אלהיכם לכל־הגוים האלה מפניכם
ד כי יהוה אלהיכם הוא הנלחם לכם: ראו הפלתי לכם
את־הגוים הנשארים האלה בנחלה לשבטיכם מן־הירדן
וכל־הגוים אשר הכרתי והים הגדול מבוא השמש:
ה ויהוה אלהיכם הוא יהדפם מפניכם והוריש אתם
מלפניכם וירשתם את־ארצם כאשר דבר יהוה אלהיכם
ו לכם: וחזקתם מאד לשמר ולעשות את כל־הכתוב
בספר תורת משה לבלתי סור ממנו ימין ושמאול:
ז לבלתי־בוא בגוים האלה הנשארים האלה אתכם
ובשם אלהיהם לא־תזכירו ולא תשביעו ולא תעבדום
ח ולא תשתחוו להם: כי אם־ביהוה אלהיכם תדבקו
ט כאשר עשיתם עד היום הזה: ויורש יהוה מפניכם
גוים גדלים ועצומים ואתם לא־עמד איש בפניכם עד
י היום הזה: איש־אחד מכם ירדף־אלף כי | יהוה
יא אלהיכם הוא הנלחם לכם כאשר דבר לכם: ונשמרתם
יב מאד לנפשתיכם לאהבה את־יהוה אלהיכם: כי | אם־

כג, ו׳ יתיר ו׳

שׁוֹב תָּשׁוּבוּ וּדְבַקְתֶּם בְּיֶתֶר הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה הַנִּשְׁאָרִים
הָאֵלֶּה אִתְּכֶם וְהִתְחַתַּנְתֶּם בָּהֶם וּבָאתֶם בָּהֶם וְהֵם בָּכֶם׃
יָדוֹעַ תֵּדְעוּ כִּי לֹא יוֹסִיף יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם לְהוֹרִישׁ אֶת־ יג
הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה מִלִּפְנֵיכֶם וְהָיוּ לָכֶם לְפַח וּלְמוֹקֵשׁ וּלְשֹׁטֵט
בְּצִדֵּיכֶם וְלִצְנִנִים בְּעֵינֵיכֶם עַד אֲבָדְכֶם מֵעַל הָאֲדָמָה
הַטּוֹבָה הַזֹּאת אֲשֶׁר נָתַן לָכֶם יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ וְהִנֵּה יד
אָנֹכִי הוֹלֵךְ הַיּוֹם בְּדֶרֶךְ כָּל־הָאָרֶץ וִידַעְתֶּם בְּכָל־לְבַבְכֶם
וּבְכָל נַפְשְׁכֶם כִּי לֹא־נָפַל דָּבָר אֶחָד מִכֹּל ׀ הַדְּבָרִים
הַטּוֹבִים אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם עֲלֵיכֶם הַכֹּל בָּאוּ לָכֶם
לֹא־נָפַל מִמֶּנּוּ דָּבָר אֶחָד׃ וְהָיָה כַּאֲשֶׁר־בָּא עֲלֵיכֶם כָּל־ טו
הַדָּבָר הַטּוֹב אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם אֲלֵיכֶם כֵּן יָבִיא
יְהוָה עֲלֵיכֶם אֵת כָּל־הַדָּבָר הָרָע עַד־הַשְׁמִידוֹ אוֹתְכֶם
מֵעַל הָאֲדָמָה הַטּוֹבָה הַזֹּאת אֲשֶׁר נָתַן לָכֶם יְהוָה
אֱלֹהֵיכֶם׃ בְּעָבְרְכֶם אֶת־בְּרִית יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם אֲשֶׁר צִוָּה טז
אֶתְכֶם וַהֲלַכְתֶּם וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים אֲחֵרִים וְהִשְׁתַּחֲוִיתֶם
לָהֶם וְחָרָה אַף־יְהוָה בָּכֶם וַאֲבַדְתֶּם מְהֵרָה מֵעַל הָאָרֶץ
הַטּוֹבָה אֲשֶׁר נָתַן לָכֶם׃

## כד

וַיֶּאֱסֹף יְהוֹשֻׁעַ אֶת־כָּל־שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל שְׁכֶמָה וַיִּקְרָא א
לְזִקְנֵי יִשְׂרָאֵל וּלְרָאשָׁיו וּלְשֹׁפְטָיו וּלְשֹׁטְרָיו וַיִּתְיַצְּבוּ לִפְנֵי
הָאֱלֹהִים׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֶל־כָּל־הָעָם כֹּה־אָמַר יְהוָה ב
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל בְּעֵבֶר הַנָּהָר יָשְׁבוּ אֲבוֹתֵיכֶם מֵעוֹלָם תֶּרַח
אֲבִי אַבְרָהָם וַאֲבִי נָחוֹר וַיַּעַבְדוּ אֱלֹהִים אֲחֵרִים׃ וָאֶקַּח ג
אֶת־אֲבִיכֶם אֶת־אַבְרָהָם מֵעֵבֶר הַנָּהָר וָאוֹלֵךְ אוֹתוֹ בְּכָל־
אֶרֶץ כְּנָעַן וָאַרְבֶּ* אֶת־זַרְעוֹ וָאֶתֶּן־לוֹ אֶת־יִצְחָק׃ וָאֶתֵּן ד
לְיִצְחָק אֶת־יַעֲקֹב וְאֶת־עֵשָׂו וָאֶתֵּן לְעֵשָׂו אֶת־הַר שֵׂעִיר
לָרֶשֶׁת אוֹתוֹ וְיַעֲקֹב וּבָנָיו יָרְדוּ מִצְרָיִם׃ וָאֶשְׁלַח אֶת־ ה

כד, ג׳ וארבה ק

באַהעפטן אָן דעם רעשט פון דידאָזיקע פעלקער, די דאָזיקע וואָס זיינען געבליבן ביי אײַך, און איר וועט זיך מתחתן זיין מיט זיי, און איר וועט קומען צווישן זיי, און זיי צווישן אײַך, 13 וויסן זאָלט איר וויסן זיין, אַז יהוה אײַער גאָט וועט מער ניט פאַרטרייבן דידאָזיקע פעלקער פון פאַר אײַך, און זיי וועלן אײַך זיין פאַר אַ נעץ און פאַר אַ שטרויכלונג, און פאַר אַ רוט אין אײַערע זייטן, און פאַר שטעכערס אין אײַערע אויגן, ביז איר וועט אונטערגיין פון דערדאָזיקער גוטער ערד וואָס יהוה אײַער גאָט האָט אײַך געגעבן. 14 און אָט גיי איך די טעג אויף דעם וועג פון דער גאַנצער ערד; דרום זאָלט איר וויסן מיט אײַער גאַנצן האַרצן, און מיט אײַער גאַנצער זעל, אַז ניט אַן איינ־ציק וואָרט איז אָפּגעפאַלן פון די אַלע גוטע צוזאָגן וואָס יהוה אײַער גאָט האָט צוגעזאָגט וועגן אײַך; אַלע זיינען אײַך אָנגעקומען; ניט אַן איינציק וואָרט דערפון איז אָפּ־געפאַלן. 15 און עס וועט זיין, אַזוי ווי אײַך איז אָנגעקומען אַלדער גוטער צוזאָג וואָס יהוה אײַער גאָט האָט אײַך צוגעזאָגט, אַזוי וועט יהוה ברענגען אויף אײַך אַלדעם שלעכטן אָנזאָג, ביז ער וועט אײַך פאַרטיליקן פון דער־דאָזיקער גוטער ערד וואָס יהוה אײַער גאָט האָט אײַך געגעבן. 16 אַז איר וועט איבערטרעטן דעם בונד פון יהוה אײַער גאָט, וואָס ער האָט אײַך באַפוילן, און איר וועט גיין און דינען פרעמדע געטער, און זיך בוקן צו זיי, וועט גרימען דער צאָרן פון יהוה אויף אײַך, און איר וועט גיך אונטערגיין פון דעם גוטן לאַנד וואָס ער האָט אײַך געגעבן.

## כד

1 און יהושע האָט אײַנגעזאַמלט אַלע שבטים פון ישראל קיין שכם, און ער האָט גערופן די עלטסטע פון ישראל, און זייערע הויפּטלייט, און זייערע ריכטער, און זייערע אויפזעער; און זיי האָבן זיך געשטעלט פאַר גאָט. 2 און יהושע האָט געזאָגט צום גאַנצן פאָלק: אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישראל: אויף יענער זייט טײַך זיינען געזעסן אײַערע עלטערן פון אייביק אָן, תרח דער פאָטער פון אַברהמען, און דער פאָטער פון נחורן; און זיי האָבן געדינט פרעמדע געטער. 3 און איך האָב גענומען אײַער פאָטער אַברהמען פון יענער זייט טײַך, און האָב אים דורכגע־פירט דורך גאַנץ לאַנד כנען; און איך האָב געמערט זיין זאָמען, און אים געגעבן יצחקן. 4 און איך האָב געגעבן צו יצחקן יעקבן און עשון; און איך האָב געגעבן עשון דעם באַרג שעיר אים צו אַרבן; און יעקב און זיינע קינדער האָבן גענידערט קיין מצרים. 5 און איך האָב געשיקט משהן און אַהרנען, און האָב געפּלאָגט מצרים, לויט וואָס איך האָב געטאָן

צווישן זיי, און דערנאָך האָב איך אײַך אַרויסגעצויגן. 6 און
איך האָב אַרויסגעצויגן אײַערע עלטערן פֿון מִצרַיִם, און
איר זײַט געקומען צום ים, און די מִצרים האָבן נאָכגע־
יאָגט אײַערע עלטערן מיט רײַטוועגן און מיט רײַטער
ביזן ים־סוף. 7 און זיי האָבן געשריען צו גאָט, און ער האָט
געמאַכט אַ פֿינצטערניש צווישן אײַך און צווישן די מִצרים,
און געבראַכט אויף זיי דעם ים, און זיי צוגעדעקט; און
אײַערע אויגן האָבן געזען וואָס איך האָב געטאָן מיט
מִצרַיִם. און איר זײַט געבליבן אין מדבר פֿיל טעג. 8 און
איך האָב אײַך געבראַכט אין לאַנד פֿון דעם אֱמוֹרי וואָס
זיצט אויף יענער זײַט יַרדן, און זיי האָבן מלחמה געהאַלטן
מיט אײַך, און איך האָב זיי געגעבן אין אײַער האַנט, און
איר האָט געאַרבט זייער לאַנד, און איך האָב זיי פֿאַר־
טיליקט פֿון פֿאַר אײַך. 9 איז אויפֿגעשטאַנען בָּלָק דער
זון פֿון צִפּוֹרן, דער מלך פֿון מוֹאָב, און האָט מלחמה
געהאַלטן אַקעגן ישׂראל; און ער האָט געשיקט און גערופֿן
בִּלעָם דעם זון פֿון בְּעוֹרן, אײַך צו שילטן. 10 אָבער איך
האָב ניט געוואָלט צוהערן צו בִּלעָמען, און בענטשן האָט
ער אײַך געבענטשט; און איך האָב אײַך מציל געווען פֿון
זײַן האַנט. 11 און איר זײַט אַריבערגעגאַנגען דעם יַרדן,
און איר זײַט געקומען צו יריחו, און עס האָבן מלחמה
געהאַלטן אַקעגן אײַך די מענער פֿון יריחו, דער אֱמוֹרי,
און דער פּרִזי, און דער כּנַעֲני, און דער חִתּי, און דער גִרגָשי, דער חִוִי, און דער יבוּסי; און איך האָב זיי געגעבן
אין אײַער האַנט. 12 און איך האָב געשיקט אײַך פֿאַרויס די האָרנבין, און זי האָט זיי פֿאַרטריבן פֿון פֿאַר אײַך, די
צוויי מלכים פֿון אֱמוֹרי; ניט מיט דײַן שווערד, און ניט מיט דײַן בויגן. 13 און איך האָב אײַך געגעבן אַ לאַנד וואָס
דו האָסט זיך דערויף ניט געמיט, און שטעט וואָס איר האָט ניט געבויט, און איר האָט זיך אין זיי באַזעצט; ווײַנגערטנער און
איילבערטגערטנער וואָס איר האָט ניט געפֿלאַנצט, עסט איר. 14 און אַצונד, האָט מורא פֿאַר יהוה, און דינט אים מיט
גאַנצקייט און מיט אמת; און טוט אָפּ די געטער וואָס אײַערע עלטערן האָבן געדינט, אויף יענער זײַט טײַך, און אין
מִצרַיִם, און דינט יהוה. 15 און אויב עס איז שלעכט אין אײַערע אויגן צו דינען יהוה, ווײַלט אײַך אויס הײַנט וועמען איר
ווילט דינען, ענטוועדער די געטער וואָס אײַערע עלטערן האָבן געדינט אויף יענער זײַט טײַך, אָדער די געטער פֿון
דעם אֱמוֹרי, וואָס איר זיצט אין זייער לאַנד; און איך און מײַן הויזגעזינט וועלן דינען יהוה.

16 האָט געענטפֿערט דאָס פֿאָלק און האָט געזאָגט: חלילה אונדז צו פֿאַרלאָזן יהוה, כּדי צו דינען פֿרעמדע גע־
טער! 17 וואָרום יהוה אונדזער גאָט איז דער וואָס האָט אויפֿגעבראַכט אונדז און אונדזערע עלטערן פֿון לאַנד מִצרַיִם,

מֹשֶׁה וְאֶת־אַהֲרֹן וָאֶגֹּף אֶת־מִצְרַיִם כַּאֲשֶׁר עָשִׂיתִי בְּקִרְבּוֹ
ו וְאַחַר הוֹצֵאתִי אֶתְכֶם׃ וָאוֹצִיא אֶת־אֲבוֹתֵיכֶם מִמִּצְרַיִם
וַתָּבֹאוּ הַיָּמָּה וַיִּרְדְּפוּ מִצְרַיִם אַחֲרֵי אֲבוֹתֵיכֶם בְּרֶכֶב
ז וּבְפָרָשִׁים יַם־סוּף׃ וַיִּצְעֲקוּ אֶל־יְהוָה וַיָּשֶׂם מַאֲפֵל
בֵּינֵיכֶם ׀ וּבֵין הַמִּצְרִים וַיָּבֵא עָלָיו אֶת־הַיָּם וַיְכַסֵּהוּ
וַתִּרְאֶינָה עֵינֵיכֶם אֵת אֲשֶׁר־עָשִׂיתִי בְּמִצְרָיִם וַתֵּשְׁבוּ
ח בַמִּדְבָּר יָמִים רַבִּים׃ וָאָבִיאָה אֶתְכֶם אֶל־אֶרֶץ הָאֱמֹרִי
הַיּוֹשֵׁב בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן וַיִּלָּחֲמוּ אִתְּכֶם וָאֶתֵּן אוֹתָם בְּיֶדְכֶם
ט וַתִּירְשׁוּ אֶת־אַרְצָם וָאַשְׁמִידֵם מִפְּנֵיכֶם׃ וַיָּקָם בָּלָק בֶּן־
צִפּוֹר מֶלֶךְ מוֹאָב וַיִּלָּחֶם בְּיִשְׂרָאֵל וַיִּשְׁלַח וַיִּקְרָא לְבִלְעָם
י בֶן־בְּעוֹר לְקַלֵּל אֶתְכֶם׃ וְלֹא אָבִיתִי לִשְׁמֹעַ לְבִלְעָם וַיְבָרֶךְ
יא בָּרוֹךְ אֶתְכֶם וָאַצִּל אֶתְכֶם מִיָּדוֹ׃ וַתַּעַבְרוּ אֶת־הַיַּרְדֵּן
וַתָּבֹאוּ אֶל־יְרִיחוֹ וַיִּלָּחֲמוּ בָכֶם בַּעֲלֵי־יְרִיחוֹ הָאֱמֹרִי
וְהַפְּרִזִּי וְהַכְּנַעֲנִי וְהַחִתִּי וְהַגִּרְגָּשִׁי הַחִוִּי וְהַיְבוּסִי וָאֶתֵּן
יב אוֹתָם בְּיֶדְכֶם׃ וָאֶשְׁלַח לִפְנֵיכֶם אֶת־הַצִּרְעָה וַתְּגָרֶשׁ
אוֹתָם מִפְּנֵיכֶם שְׁנֵי מַלְכֵי הָאֱמֹרִי לֹא בְחַרְבְּךָ וְלֹא
יג בְקַשְׁתֶּךָ׃ וָאֶתֵּן לָכֶם אֶרֶץ ׀ אֲשֶׁר לֹא־יָגַעְתָּ בָּהּ וְעָרִים
אֲשֶׁר לֹא־בְנִיתֶם וַתֵּשְׁבוּ בָּהֶם כְּרָמִים וְזֵיתִים אֲשֶׁר לֹא־
יד נְטַעְתֶּם אַתֶּם אֹכְלִים׃ וְעַתָּה יְראוּ אֶת־יְהוָה וְעִבְדוּ אֹתוֹ
בְּתָמִים וּבֶאֱמֶת וְהָסִירוּ אֶת־אֱלֹהִים אֲשֶׁר עָבְדוּ אֲבוֹתֵיכֶם
טו בְּעֵבֶר הַנָּהָר וּבְמִצְרַיִם וְעִבְדוּ אֶת־יְהוָה׃ וְאִם רַע
בְּעֵינֵיכֶם לַעֲבֹד אֶת־יְהוָה בַּחֲרוּ לָכֶם הַיּוֹם אֶת־מִי
תַעֲבֹדוּן אִם אֶת־אֱלֹהִים אֲשֶׁר־עָבְדוּ אֲבוֹתֵיכֶם אֲשֶׁר
בְּעֵבֶר הַנָּהָר וְאִם אֶת־אֱלֹהֵי הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר אַתֶּם יֹשְׁבִים
טז בְּאַרְצָם וְאָנֹכִי וּבֵיתִי נַעֲבֹד אֶת־יְהוָה׃ וַיַּעַן הָעָם וַיֹּאמֶר
יז חָלִילָה לָּנוּ מֵעֲזֹב אֶת־יְהוָה לַעֲבֹד אֱלֹהִים אֲחֵרִים׃ כִּי
יְהוָה אֱלֹהֵינוּ הוּא הַמַּעֲלֶה אֹתָנוּ וְאֶת־אֲבוֹתֵינוּ מֵאֶרֶץ

ח׳ ואבא ק   יד׳ אי נחה   טו׳ מעבר ק

מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים וַאֲשֶׁר עָשָׂה לְעֵינֵינוּ אֶת־הָאֹתוֹת
הַגְּדֹלוֹת הָאֵלֶּה וַיִּשְׁמְרֵנוּ בְּכָל־הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר הָלַכְנוּ בָהּ
וּבְכֹל הָעַמִּים אֲשֶׁר עָבַרְנוּ בְּקִרְבָּם׃ וַיְגָרֶשׁ יְהוָה אֶת־ יח
כָּל־הָעַמִּים וְאֶת־הָאֱמֹרִי יֹשֵׁב הָאָרֶץ מִפָּנֵינוּ גַּם־אֲנַחְנוּ
נַעֲבֹד אֶת־יְהוָה כִּי־הוּא אֱלֹהֵינוּ׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֶל־הָעָם יט
לֹא תוּכְלוּ לַעֲבֹד אֶת־יְהוָה כִּי־אֱלֹהִים קְדֹשִׁים הוּא אֵל־
קַנּוֹא הוּא לֹא־יִשָּׂא לְפִשְׁעֲכֶם וּלְחַטֹּאותֵיכֶם׃ כִּי תַעַזְבוּ כ
אֶת־יְהוָה וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהֵי נֵכָר וְשָׁב וְהֵרַע לָכֶם וְכִלָּה
אֶתְכֶם אַחֲרֵי אֲשֶׁר־הֵיטִיב לָכֶם׃ וַיֹּאמֶר הָעָם אֶל־יְהוֹשֻׁעַ כא
לֹא כִּי אֶת־יְהוָה נַעֲבֹד׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֶל־הָעָם עֵדִים כב
אַתֶּם בָּכֶם כִּי־אַתֶּם בְּחַרְתֶּם לָכֶם אֶת־יְהוָה לַעֲבֹד אוֹתוֹ
וַיֹּאמְרוּ עֵדִים׃ וְעַתָּה הָסִירוּ אֶת־אֱלֹהֵי הַנֵּכָר אֲשֶׁר כג
בְּקִרְבְּכֶם וְהַטּוּ אֶת־לְבַבְכֶם אֶל־יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃
וַיֹּאמְרוּ הָעָם אֶל־יְהוֹשֻׁעַ אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵינוּ נַעֲבֹד וּבְקוֹלוֹ כד
נִשְׁמָע׃ וַיִּכְרֹת יְהוֹשֻׁעַ בְּרִית לָעָם בַּיּוֹם הַהוּא וַיָּשֶׂם לוֹ כה
חֹק וּמִשְׁפָּט בִּשְׁכֶם׃ וַיִּכְתֹּב יְהוֹשֻׁעַ אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה כו
בְּסֵפֶר תּוֹרַת אֱלֹהִים וַיִּקַּח אֶבֶן גְּדוֹלָה וַיְקִימֶהָ שָּׁם תַּחַת
הָאַלָּה אֲשֶׁר בְּמִקְדַּשׁ יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֶל־ כז
כָּל־הָעָם הִנֵּה הָאֶבֶן הַזֹּאת תִּהְיֶה־בָּנוּ לְעֵדָה כִּי־הִיא
שָׁמְעָה אֵת כָּל־אִמְרֵי יְהוָה אֲשֶׁר דִּבֶּר עִמָּנוּ וְהָיְתָה
בָכֶם לְעֵדָה פֶּן־תְּכַחֲשׁוּן בֵּאלֹהֵיכֶם׃ וַיְשַׁלַּח יְהוֹשֻׁעַ כח
אֶת־הָעָם אִישׁ לְנַחֲלָתוֹ׃ וַיְהִי אַחֲרֵי הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה כט
וַיָּמָת יְהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן עֶבֶד יְהוָה בֶּן־מֵאָה וָעֶשֶׂר שָׁנִים׃
וַיִּקְבְּרוּ אוֹתוֹ בִּגְבוּל נַחֲלָתוֹ בְּתִמְנַת־סֶרַח אֲשֶׁר בְּהַר־ ל
אֶפְרָיִם מִצְּפוֹן לְהַר־גָּעַשׁ׃ וַיַּעֲבֹד יִשְׂרָאֵל אֶת־יְהוָה כֹּל לא
יְמֵי יְהוֹשֻׁעַ וְכֹל ׀ יְמֵי הַזְּקֵנִים אֲשֶׁר הֶאֱרִיכוּ יָמִים
אַחֲרֵי יְהוֹשֻׁעַ וַאֲשֶׁר יָדְעוּ אֵת כָּל־מַעֲשֵׂה יְהוָה אֲשֶׁר

יט׳ מלא ו

פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט, און וואָס האָט געטאָן פאַר אונדזערע אויגן דידאָזיקע גרויסע צייכנס, און האָט אונדז אָפּגעהיט אויף דעם גאַנצן וועג וואָס מיר זיינען געגאַנגען אויף אים, און צווישן אַלע פעלקער וואָס מיר זיינען דורכגעגאַנגען דורך זיי. [18] און יהוה האָט פאַרטריבן פון פאַר אונדז אַלע פעלקער, און דעם אֱמורי, דעם באַוווינער פון לאַנד; דרום וועלן מיר אויך דינען יהוה, וואָרום ער איז אונדזער גאָט.

[19] האָט יהושֻעַ געזאָגט צום פאָלק: איר וועט ניט קענען דינען יהוה, וואָרום אַ הייליקער גאָט איז ער, אַ צערנדיקער גאָט איז ער; ער וועט ניט פאַרגעבן אַייער פאַרברעך און אַייער זינד. [20] אויב איר וועט פאַרלאָזן יהוה, און וועט דינען פרעמדע געטער, וועט ער זיך קערן און וועט אַייך שלעכטס טאָן, און וועט אַייך פאַרלענדן, נאָכדעם ווי ער האָט אַייך גוטס געטאָן.

[21] האָט דאָס פאָלק געזאָגט צו יהושוען: ניין, נייערט יהוה וועלן מיר דינען.

[22] האָט יהושֻעַ געזאָגט צום פאָלק: איר זייט עדות קעגן אַייך אַליין, אַז איר האָט אַייך אויסדערוויילט יהוה, אים צו דינען.—און זיי האָבן געזאָגט: עדות!—[23] און אַצונד טוט אָפּ די פרעמדע געטער וואָס צווישן אַייך, און נייגט אַייער האַרץ צו יהוה דעם גאָט פון ישראל.

[24] האָט דאָס פאָלק געזאָגט צו יהושוען: יהוה אונדזער גאָט וועלן מיר דינען, און צו זיין קָול וועלן מיר צוהערן.

[25] און יהושֻעַ האָט געשלאָסן אַ בונד מיטן פאָלק אין יענעם טאָג, און ער האָט זיי געמאַכט חוקים און געזעצן אין שכֶם. [26] און יהושֻעַ האָט אויפגעשריבן דידאָזיקע ווערטער אין בוך פון גאָטס תּורה; און ער האָט גענומען אַ גרויסן שטיין, און האָט אים דאָרטן אויפגעשטעלט אונטער דעם אייכנבוים וואָס ביים הייליקטום פון גאָט. [27] און יהושֻעַ האָט געזאָגט צום גאַנצן פאָלק: אָט דערדאָזיקער שטיין זאָל זיין פאַר אַן עדות אַקעגן אונדז, וואָרום ער האָט געהערט אַלע ווערטער פון יהוה, וואָס ער האָט מיט אונדז גערעדט; און ער וועט זיין פאַר אַן עדות אַקעגן אַייך, טאָמער וועט איר לייקענען אָן אַייער גאָט.

[28] און יהושֻעַ האָט פאַנאַנדערגעשיקט דאָס פאָלק, איטלעכן צו זיין נחלה.

[29] און עס איז געווען נאָך דידאָזיקע געשעענישן, איז געשטאָרבן יהושֻעַ דער זון פון נון, דער קנעכט פון גאָט, צו הונדערט מיט צען יאָר. [30] און מע האָט אים באַגראָבן אין דעם געמאַרק פון זיין נחלה, אין תִּמנַת־סֶרַח וואָס אין דעם געבערג פון אפרים, אין צפון פון באַרג גַעַש.

[31] און ישׂראל האָט געדינט גאָט אַלע טעג פון יהושוען, און אַלע טעג פון די זקנים וואָס האָבן מַאֲריך־יָמים געווען נאָך יהושוען, און וואָס האָבן געוווּסט אַלדי טואונג פון גאָט, וואָס ער האָט געטאָן פאַר ישׂראל.

32 און די ביינער פון יוסף, וואָס די קינדער פון ישראל האָבן אויפגעבראַכט פון מִצרַיִם, האָבן זיי באַגראָבן אין שְכֶם, אויף דעם שטיק פעלד וואָס יעקב האָט געקויפט פון די זין פון חֲמוֹר, דעם פאָטער פון שְכֶמען, פאַר הונדערט קשִׂיטָה; און עס איז געוואָרן די קינדער פון יוסף פאַר אַ נחלה.

לב עָשָׂה לְיִשְׂרָאֵל׃ וְאֶת־עַצְמוֹת יוֹסֵף אֲשֶׁר־הֶעֱלוּ בְנֵי־
יִשְׂרָאֵל ׀ מִמִּצְרַיִם קָבְרוּ בִשְׁכֶם בְּחֶלְקַת הַשָּׂדֶה אֲשֶׁר
קָנָה יַעֲקֹב מֵאֵת בְּנֵי־חֲמוֹר אֲבִי־שְׁכֶם בְּמֵאָה קְשִׂיטָה
לג וַיִּהְיוּ לִבְנֵי־יוֹסֵף לְנַחֲלָה׃ וְאֶלְעָזָר בֶּן־אַהֲרֹן מֵת וַיִּקְבְּרוּ
אֹתוֹ בְּגִבְעַת פִּינְחָס בְּנוֹ אֲשֶׁר נִתַּן־לוֹ בְּהַר אֶפְרָיִם׃

33 און אֶלעָזָר דער זון פון אַהרֹנען איז געשטאָרבן, און מע האָט אים באַגראָבן אויף דעם בערגל פון זיין זון פִּינחסן, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן אין דעם געבערג פון אפרים.

# חזק

סכום הפסוקים של יהושע שש מאות וחמשים וששה. ותרן לשון
זלם סימן: וחציו. ומחשבון עד רמת המצפה: וסדריו ארבעה
עשר. היתה עלי יד יי׳ סימן: